The Hebrew Journal　　דער אידישער　　The Hebrew Journal

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

זשורנאל

די איינציגע
אידישע צייטונג
אין אנטעריא.

VOLUME III. No 813　Toronto, Sunday, October 17th 1915　ט. חשון פרשה וירא תרע"ו.　זונטאג דער 17-טער אקטאבער, 1915.　PRICE: 1 CENT

געוועזענער רוסישער קריעגס מיניסטער סוכאמלינאוו א דייטשער שפיאן

די שלאכטען אין מזרח

פעטראגראד, אקט., 15.

פאלגענדער אפיציעלער סטייטמענט איז ארויסגעגעבען געווארען פון קריעגס אפיס:

אויף דעם מערב פראנט אין דווינסקער געגענד געהט די שלאכט אן. אין פיעלע פלעצער ענטוויקעלט זיך שארפע ארטילעריע דועלען. די אלגעמיינע לאגע אבער איז ניט געענדערט. אין דעם געגענד פון מערב זייט פון טייך אבאלע האבען מיר דורך אן אנגריעף גענומען דאס דארף גאווראנטסי און דאס בית הקברות אין צפון זייט פון דעם סטאווארעלי פארם. אויף דעם טייך פריפעט, ארום דארף נאבעל, איז דער שונא צוריקגעשטויסען געווארען אריבער דעם טייך.

ווערהרענד אן אפפענסיווע בעוועגונג אין דער געגענד פון אייזענבאהן אין מערב פון טארנאפאל — מזרח גאליציען — איז דעם שונא'ס פליגעל אנגעגריפען געווארען און צוריק געשליידערט צום טייך סטריפא מיט זעהר שווערע פערלוסטען. די נאכט פון 13-טען האט דער שונא געמאכט נאך אן אטאקע — די פערטע יענעם טאג — אנפאלענדיג מיט'ן באיאנעט אויף אונזערע טרופען אין ראיאן פון דארף זשאוואראנקא, אויף דער סטריפא, אין מערב פון טרעמבאוולא. דער שונא איז צוריקגעשטויסען געווארען דורך א שטארקער געגען-אטאקע און ער האט זיך צוריקגעצויגען אין פאלשטענדיגער אונארדנונג צו זיינע טרענטשעס. אין דערזעלבער געגענד האט אויך נעכטען דער שונא אנגענומען די אפפענסיווע. אונזערע טרופען האבען זיי געלאזט צוקומען אינערהאלב א קליינעם שטח און דאן האבען זיי געליפערט א מעכטיגע געגען אטאקע, צוריקשטויסענדיג איהם נאכאמאל צום טייך סטריפא.

אויפ'ן קאווקאזער פראנט קומען אפט פאר קליינע צוזאמענשטויסען צווישען פאטראלען און אוואנגארדען. די טערקען ווערען איבעראל צוריקגעשטויסען פון אונזער פייער. אין צפון - מערב פון מעלאצגהערט, צווישען די דערפער אלאארדי און סקרעך, זיינען די טערקען געפאלען אונטער אונזער קרייצפייער, קריגענדיג שווערע פערלוסטען, און אנטלויפענדיג אין דער ריכטונג פון גאהאל. מיטוואך פריה האבען די טערקען אנגענומען די אפפענסיווע אין וואטסאן דורכגאנג, אין דרום זייט פון טייך וואן. אונזער ארטילעריע האט שטום געמאכט די טערקישע הארמאטען.

פראפיטירענדיג דערמיט וואס די טערקען האבען זיך אביסעל געקוויינקעלט אידער זיי זיינען געקומען צו זיך, האבען אונזערע טרופען געליפערט גאנץ דרייסט א געגען אטאקע און נאך א הייסער שלאכט האבען זיי פערטריבען די צוטומעלטע טערקען פון דעם דורכגאנג, פערכאפענדיג צוויי קאנאנען און אייניגע געפאנגענע.

די טערקען האבען פערלארען מעהר ווי 250 טויטע אויפ'ן פעלד. אונזערע פערלוסטען זיינען געווען זעהר קליין.

היגע באנקירען ווילען ניט קיין געלד

ווי עס ווייזט אויס, האבען די היגע באנקירען גענוג געלד און יאגען זיך ניט נאך קיין פרישע געלד, וועלכע זאל זיי אריינקומען. איבערהויפט אויף אזעלכע געלדער אויף וועלכע זיי דארפען צאהלען פראצענטען.

דאס איז א פאקט וועלכער איז אונבעשטרייטבאר.

די שטאדט טאראנטא האט לעצטע וואך פערקויפט איהרע באנדס צו עטליכע בראקערס פאר דער סומע פון 3,903,939 דאלאר. דער סיטי טרעזשורער האט דאס געלד געוואלט דעפאזיטען אין עטליכע באנק הייזער. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז קיין באנק האט דאס געלד ניט געוואלט אננעהמען, ווייל אויף אזא גרויסער סומע דארפען זיי צאהלען פראצענט, און אזוי ווי די באנק הייזער טהוען מיט'ן געלד קיין געשעפטען ניט, וואלט דאס געלד געדארפט ליגען אין סייף און זיי וואלטען בעדארפט צאהלען פראצענט, און זאגאר דריי פראצענט ווי די באנקהייזער צאהלען וואלט אויך אויסגעמאכט א גרויסע סומע און דעריבער האט קיין באנק עס ניט געוואלט אננעהמען. זיי האבען גענוג געלד אויף צו אויסלייהען, אבער זיי האבען ניט קיין פלאץ אויף אריינצונעהמען.

דעפיוטי סיטי טרעזשורער, מר. בלעק האט ערקלעהרט, אז מיט דאס געלד וועט ער דעקען די דראפטס וואס די שטאדט האט ארויסגעגעבען, און דאס איבעריגע וועט די שטאדט יעמאנדען אוועקגעבען פאר א קליינעם פראצענט, אבער בלויז פאר א קורצער צייט, ווייל די שטאדט וועט נאך דיעזען יאהר מוזען פערנוצען דאס געלד אויף שטאדטישע ארבייטען.

עליים נטזאנדטע פערלאזען גריכלאנד

אמסטערדאם אקט. 16

לויט א דעפעשע פון אטהענס, גריכענלאנד, צו דער קעלנישער גאזעט, זיינען די רוסישע און איטאליענישע געזאנדטע פערטיג צו פערלאזען גריכענלאנד.

די פאמיליען פון די דיפלאמאטען, לויטעט די דעפעשע, וועלען וואהרשיינליך היינט פערלאזען די גריכישע הויפטשטאדט אויף א קריעגס שיף, וואס געהט קיין איטאליען.

אויף ווי ווייט עס איז פאראן אמת אין דיעזער ידיעה קען מען נאטירליך אין דיעזען מאמענט ניט וויסען.

וואהרשיינליך איז דאס אמת. דיא האלטונג פון גריכענלאנד האט עס בעוויזען.

דער שונא פערטהיידיגט זיך

פעטראגראד אקט. 16

מיט דער אויסנאהמע פון דווינסק אויף דער צפון ענדע פון רוסישען פראנט וואו שרעקליכע ארטילעריע שלאכטען געהען אן, זעהט עס אויס דאס די דייטשען זיינען אויפ'ן גאנצען מזרח פראנט אויף דער דעפענסיווע.

רוסישע מיליטערישע בעאמטע זאגען דאס זיי האבען געקראגען ידיעות דאס די דייטשע ארמייען האבען בעקומען ארדערס צו נעהמען דווינסק אום יעדען פרייז.

דייטשען אטאקען זיינען אויף דיעזען פונקט, זאגט מען, געמאכט געווארען זעהר שטירמיש, זיי האבען די רוסישע פערטיידיגונג ניט געבראכען.

פערלוסטען האבען זיי געהאט געוואלדיגע.

אברהם סאליק געשטארבען

אברהם סאליק, א שוואגער פון דאקטאר שווארץ איז געשטארבען פרייטאג צו נאכט אקטאבער דעם 15-טען אין הויז פון דאקטאר שווארץ 137 בעווערלי סטריט.

די לויה וועט שטאטפינדען זונטאג פריה אום 11 אוהר פון הויז פון דאקטאר שווארץ.

אלע ציוניסטען זיינען הערצליך ערזוכט צו קומען זונטאג פריה אום 10 אוהר פונקט צום ציון אינסטיטוט כדי צוזאמען אבצוגעבען די לעצטע עהרע צום פערשטארבענעם.

דער קאנפערענץ פאר די מלחמה קרבנות

וועט האבען א מיטינג היינט זונטאג, אכט א זיגער אין 194 בעווערלי סטריט אין דער פרץ שולע. אלע דעלעגאטען זיינען דרינגענד ערזוכט צו אטענדען.

אלע ארגאניזאציאנען, אינסטיטוציאנען, שולען און סאסייעטיס וואס האבען דארט ניט זייערע דעלעגאטען זיינען הערצליכסט ערזוכט איצט צו שיקען דעלעגאטען.

עס איז קיין מאל ניט שפעט.

אידען טהוט אייער פפליכט.

געוועזענער רוסישער קריעגס מיניסטער א דייטשער שפיאן.

לאנדאן, אקט., 16.

די וויכטיגסטע נייעס פון טאג וועגען רוסלאנד איז היינט, א ידיעה, אז דער געוועזענער רוסישער קריעגס-מיניסטער סוכאמלינאוו וועט די טעג געמשפט ווערען פאר פערראטה, און עס זענען דא שטארקע בעווייזע, אז ער איז געוועזען א דייטשער שפיאן, פאר וועלכען די דייטשע רעגיערונג האט איהם גוט בעצאהלט.

ער איז דארום געווארען א שפיאן אויס כעס וואס מען האט איהם ניט געמאכט פאר אויבער קאמאנדיר פון דער רוסישער ארמיי.

נייעס אין קורצע

די רוסישע רעגיערונג האט אפיציעל אבגעלייקענט דעם דייטשען בעריכט, אז אויפ'ן באלטישען ים איז א רוסישער קרייצער געזונקען געווארען פון די דייטשען.

די דייטשע רעגיערונג לייקענט אפיציעל אב די קלאנגען, אז אין דער שטאדט קיעל, וואו עס געפינט זיך דער האפען פונ'ם בעריהמטען קיעלער קאנאל, זאל זיך האבען פערשפרייט די כאלערע.

זעקס דייטשע אפיצערען, פון די פערהאלטענע דייטשער שיפען „קראונפרינץ ווילהעלם" און „פרינץ אייטעל פריעדריך", זענען אויף דער יאכטע „איקליפס" אנטלאפען פונ'ם האפען אין נארפאלק, וואו די שיפען געפינען זיך.

אלע מאטראזען און אפיצערען פון די געבליבענע, ווערען יעצט שטרענג געהיט, און אן אויספארשונג קומט פאר.

פון אטאווא ווערט בעריכטעט, אז קענעדעס ווייץ גערעטעניש איז היי-יאהר זעהר גרויס, און דערגרייכט מעהר ווי 336 מיליאן בושעל.

ביז'ן 9-טען אקטאבער, ווערט אפיציעל געמעלדעט, האט ענגלאנד פערלוירען ביי די דארדאנעלען 96,899 מענשען, פון זיי זענען 18,957 טויטע. די אויסטראליער האבען דערביי פערלוירען 29,121.

די ענגלישע צייטונגען פון לאנדאן פאדערען, אז צוליעב דער לעצטער לופט-אטאקע אויף לאנדאן, זאלען די דייטשע פריעדליכע שטעט באמבארדירט ווערען.

בעריכטען פון קאפענהאגען מעלדען, אז אויפ'ן באלטישען ים האט אן ענגלישע סובמארין געזונקען צוויי דייטשע צרשטערונגס-שיפען.

הענרי פארד, וועגען וועלכען עס רודערט זיך לעצטענס אזוי פיעל אין דער קענעדער פרעסע, האט בייגעשטייערט 10 טויזענד דאלאר צום קענעדער רויטען קרייז.

ענגלאנד ערקלעהרט קריעג בולגאריען

לאנדאן, אקט., 16.

ענגלאנד האט אפיציעל ערקלעהרט קריעג בולגאריען, און עס ווערט ערווארטעט, אז רוסלאנד און פראנקרייך וועלען נאכפאלגען ענגלאנדס ביישפיעל. וועגען רוסלאנד, ווערט נאך דא ערווארטעט, אז זי וועט אויך ארויסגעבען אן ערקלעהרונג, אין וועלכער פערדינאנד צאר פון באלגאריען, וועט געשטעמפעלט ווערען אלס פערעטהער צו די סלאווען, דערמיט וואס ער האט זיך פערקויפט צו די דייטשען.

עס איז אויך מעהר ווי זיכער, אז אויך איטאליען וועט העלפען סערביען געגען בולגאריען.

זרבבל פערשיקט אויף א יאהר טורמע צו שווערע ארבייט

לאנדאן אקט., 14.

א ידיעה פון פאלעסטינא האט דא היינט ערגרייכט אז דער בעקאנטער פועלי ציון פיהרער און רעדאקטאר פון „האחדות" זרבבל, איז פערשיקט געווארען אויף א יאהר אין פריזאן צו שווערע ארבייט פאר אבלייקענען א פאלשען סטייטמענט וואס אנטיסעמיטען האבען געמאכט אז איהם זיינען א געפאהר פאר טערקיי. דער פראצעס איז פארגעקומען אין ירושלים.

אויסזיכטען אויף שלום

ניו-יארק, אקט., 15.

היינט האט די אינטערנאציאנאלע קאמיטע פון פרויען פאר שטענדיגען פריעדען פערעפענטליכט זייער בעריכט.

דער תמצית פון גאנצען בעריכט איז דאס די אלע איירעפאישע נאציאנען וועלכע זיינען איצט אריין געמישט אין דעם קריעג וואלטען קיין פאראיבעל געהאט, און, פערקעהרט, עס וואלט זיי נאך פיליכט הנאה געטהון ווען די נייטראלע מלוכות וואלטען פעררופען א קאנפערענץ מיט'ן צוועק צו ברייגגען פריעדען, ווייל, ווי עס שיינט, ווילען איצט אלע שלום. עס איז זיי שוין אלע הייסט עק מיאוס געווארען די בלוטיגע מלחמה.

דאס איז דער גאנצער קווינט עססענץ פון דעם בעריכט וועלכען זיי האבען פערעפענטליכט.

די דעלעגאטען וואס זיינען אנוועזענד געוועזען אויף דעם פרויען אינטערנאציאנאלען פריעדען קאנגרעסס אין האג לעצטען ספרינג גלויבען דאס דיעזער קאנגרעס האט פיעל מעהר גוטעס אויפגעטהון בנוגע וועלט פריעדען ווי די וועלט שטעלט זיך פאר. מיט אנדערע ווערטער הייסט עס דאס די וועלט האט געגלויבט אז דיעזער קאנגרעס האט גאר ניט אויפגעטהון, ווערהרענד די דעלעגאטען גלויבען, אז דער קאנגרעס האט זעהר פיעל אויפגעטהון. דיעזע מיינונג דריקט זיך אויך אויס אין זייער בעריכט.

זעהר פיעל ווענדעט זיך אן די פעראייניגטע שטאאטען. פיעלע פון די פרויען וואס ארבייטען פאר שלום, וועלכע האבען בעזוכט די הויפטשטעדט פון די קריעגס-פיהרענדע נאציאנען און האבען קאנפערירט מיט מיטגליעדער פון דיזעלבע רעגיערונגען דריקען אויס זייער גלויבען אין בעריכט דאס די נייטראלע נאציאנען זיינען פארבערייטעט פאר א פאר קאנפערענץ צוליעב פריעדענס פערהאנדלונגען, בתנאי אז זיי וועלען קריעגען די מיטארבייטערשאפט פון די פעראייניגטע שטאאטען.

דער בעריכט איז אונטערגעשריעבען פון פון דאקטאר אלעטטא דזשייקאבס פון האללאנד, מיסס קריסטאל מעקמיללאן, פון ענגלאנד, מאדאם ראזיקא שווימער פון עסטרייך אונגארן, פראפעסאר עמילי גרינבאך, פון וועלסלי קאלעדזש, און די בערימטע מיסס דזשיין עדעמס פון שיקאגא.

דער רעפארט זאגט צווישען אנדערען פאלגענדעס:

„בעטראכטענדיג די לאגע ווי עס האלט איצט, גלויבען מיר דאס פון די פינף פון די נייטראלע איירעפאישע נאציאנען, וועלכע פרויען פון אינטערנאציאנאלען פריעדענס קאנפערענץ האבען בעזוכט, זיינען דריי פערטיג אן אנטהייל צו נעהמען אין אזא קאנפערענץ און דאס צוויי האבען ברעה, און דיסקוטירען אויך די פראגע וועגען דעם, אליין צו רופען אזא קאנפערענץ."

העלדישע פרוי כאפט א קעשענע גנב

אין דעם הויפט אפיס פון דער באנק אף קאמערס, האט נעכטען א פרוי א אנגעשטעלטע פון דארטען געכאפט א קעשענע גנב, וועלכער פלעגט זיך אימער פארשטעלען פאר א עלעקטרישען און קומען בעזוכען די אלמערס, וואו עס זיינען געהאנגען די רעק פון די באנק אנגעשטעלטע.

ווי עס ווייזט אויס איז דאס דער לעצטער גנבים קונסט וואס ווערט אנגעווענדעט אין טאראנטא. פון פיעלע פלעצער איז שוין בעריכטעט געווארען, דאס מענשען זיינען בעגנב'עט געווארען אויף א געהיימניספאלען אופן. מען ווייס אבער ניט ווי אזוי.

יעצט האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס איז געווען דער טריק. עס קומט א חברה מאן וועלכער פערשטעלט זיך פאר א עלעקטרישען און געהט איבערפרובירען אלע לייטס אויב זיי זיינען אין ארדנונג, אויף אזא אופן געהט ער אריין כמעט אין יעדען צימער פון דער געביידע, און נעהמט צו וואס איהם קומט צו דער האנד.

דער חברה מאן [illegible] נעכטען ארעסטירט געווארען [illegible] קנאקס, זיין אדרעסע [illegible] געגעבען.

געכאפט האט איהם ווי געזאגט, א פרוי א אנגעשטעלטע פון דער באנק [illegible] מעריז ווען זי האט איהם געזעהען פארענדיג זיך ארום די קליידער פון די אנגעשטעלטע.

ער האט איהר אנגעגעבען דעם זעלבען תירוץ אז ער איז אן עלעקטרישאן, אבער זי האט עס ניט אנגענומען און האט איהם געלאזט ארעסטירען.

א שעהנער ליטערארישער אבענד

דער ערשטער ליטערארישער אבענד פון דער סעריע פאר'ן ווינטער סיזאן וועלכע דער היגער אידישער פאלקס פעראיין האט פעראנשטאלטע לעצטען פרייטאג איז געווען א גאנץ ערפאלגרייכער.

עס האבען זיך פערזאמעלט העכער הונדערט מענשען צו הערען די פארלעזונגען און דעקלאמאציאנען וועלכע זיינען פארבערייטעט געווארען.

דער פארזיצענדער איז געווען ל. ראזענבערג, א מיטגליעד פון דער ליטערארישער קאמיטע פון דעם פאלקס פעראיין.

אבער די הויפט פיגור וועלכע האט צו זיך געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די פערזאמעלטע איז געווען אונזער געעהרטער מיטארבייטער י. ראזען וועלכער איז אייננעלאדען געווארען פון פעראיין פארמאל צו עפענען זייער סעריע ליטערארישע אבענדען.

הער ראזען האט געהאלטען א זעהר אינטערעסאנטע רעדע איבער דער טהעמא "די שעהנקייט פון דער אידישער ליטעראטור". ער האט אנגעוויזען וואס פאר א קאמפף די אידישע ליטעראטור האט געהאט דורכצופיהרען ביז זי איז געקומען צו איהר יעצטיגען מצב.

די לעקטשור איז אין אלגעמיין געווען זעהר א אינטערעסאנטע און א בעלעהרענדע. אזוי אז ער איז אויסגעקומען אויסערגעוועהנליך שעהן.

רוסען פראגרעסירען

פעטראגראד, אקט., 6.

די רוסישע טרופען האבען צוריקגעשטויסען דעם דייטשען צענטער אין צפון זייט פון פינסק אויף זיעבעצען מייל און זיי געהען אן מיט זייערע ערפאלגרייכע אטאקען.

פעטראגראדער מיליטערישע עקספערטען זאגען נביאות דאס דער פראגרעס פון צארס טרופען אויף דעם גאנצען פראנט, פון דעם באלטישען ים ביז דער בוקאווינע וועט צווינגען די דייטשען זיי זאלען זיך צוריקציהען אויף דער גאנצער ליניע און עס וועט זיי צווינגען צו פערלאזען די פאזיציאנען וואו זיי האבען גערעכענט צו פערברייגגען דעם ווינטער.

ווי די אפיציעלע ידיעות לויטען, זיינען די שלאכטען ארום דווינסק איצט צו גונסטען די רוסען.

דאנערשטאג איז געווען דער רעזולטאט פון די אטאקען פון די סיבירישע טרופען אין דעם וואס דייטשע טרענטשעס אויף א לענג פון א האלבער מייל זיינען פערכאפט געווארען.

אלעם אן הקדמה צו דיעזער אטאקע איז פארגעקומען א באמבארדעמענט פאר גאנצע פיער און צוואנציג שטונדען, דורך וועלכען דריי דייטשע דיוויזיעס זיינען געקומען אין פערוווירונג און אונארדנונג, וועלכעס האט זיי געמאכט אבסאלוט הילפלאז געגען דער באיאנעטען אטאקע וועלכע האט געפאלגט.

אידען פון טאראנטא

טויזענדע ראון טויזענדער פון אונזערע שוועסטער און ברידער עסען קארע פון בוימער!

מעהר אדרפען מיר אייך ניט זאגען אייערע הערצער זיינע נגיט פון שטיין.

היינט וועלען אונזערע קאלעקטארס, די נאבעלע וואלונטירען בריגאדע, קומען צו אייך קאלעקטען 10 סענט. נעהמט זיי צו ווי אייגענע שוועסטער און ברידער, ווייל זיי זיינען אמת'ע שוועסטער און ברידער. זיי טהוען הייליגע פאלקס ארבייט און זיי דארפען פון יעדען פון אונז געאכטעט ווערען.

עמפפאנגט זיי מיט א ליעבען שמייכעל און, אויב איהר קענט, גיט זיי צוואנציג סענט פאר א נאווינא, ווייל די נויט איז זעהר גרויס.

די ביכער פון קאנפערענץ זיינען פון אלע אונטערזוכט געווארען און אלע פערטרעטער פון טאראנטער אידענטהום געבען צו, אז אלעס ווערט עהרליך פערוואלטעט און דאס יעדער סענט קומט צו אונזערע ליעבע וואס ליידען אזוי שרעקליך.

די קאלעקטארס ווערען געשיקט פון קאנפערענץ מיט 10 סענטיגע סטעמפס. איהר צרייסט דעם סטעמפ וואס איהר קריעגט.

יעדער סטעמפ ווערט אויך געסטעמפט פון קאנפערענץ.

דער טרעזשורער פון קאנפערענץ, איז מר. ה. וויינבערג, דער ארויסגעבער פון „אידישען זשורנאל", וועלכער דעפאנירט דאס קאלעקטירטע געלד אין באנק און דאן ווערט עס אוועקגעשיקט צו דער אמעריקאן רעליעף קאמיטע. און זייערע רעסיטס ווערען געדרוקט אין „זשורנאל".

אידען! זעהט אז איהר זענט אויף דע ליזטעט, זייט מודיע אייער נאמען צום סעקרעטער פון קאנפערענץ אין 194 בעווערלי סטריט, איהר אליין דארפט זיך אינטערעסירען אז א קאלעקטאר זאל קומען צו אייך יעדען זונטאג קאלעקטען 10 סענט.

ווער פון אייך האט עס דאס הארץ אבצושטעהען?

ווער פון אייך וויל דאס טראגען אויף זיין געוויסען אז איהם ארט ניט וואס אונזערע ליעבע נעהען אויס בוכשטעבליך פון הונגער ווי הינד?

זאל יעדער העלפען!

אידישע יונגע טעכטער, קומט פערשרייבט זיך אלס קאלעקטארס. קומט טהוט הייליגע פאלקס ארבייט.

אייערע שוועסטער ליידען דארט גרוים נויט, זיי וויינען און בעטען אייער הילף, העלפט זיי.

איהר האט קיין געלד ניט צו געבען, קומט העלפען קאלעקטען.

שוועסטער און ברידער, העלפט, און גאט וועט אייך העלפען.

ראטהען פערלאזען די דארדאנעלען

לאנדאן, אקט., 16.

די „לאנדאן ניוס" שרייבט אין אן עדיטאריעל וועגען דער לאגע אין די דארדאנעלען פאלגענדעס:

„די רעגיערונג האט שוין א שווערע פעראנטווארטליכקייט בנוגע די דארדאנעלען. די נויטיגקייט צו קומען צו א בעשטימטען בעשלוס וועגען דער צוקונפט וועט מאכען די דאזיגע פעראנטווארטליכקייט נאך שווערער. דאס לאנד קוקט [illegible] פון לאנג אויף דעם קעמפיין אין [illegible]פאלי מיט זארג און ערנסט, און אין [illegible]יגע הינזיכטען מיט בעהאלטענער [illegible]ורא. דער בעשלוס ניט צו שטעלען די רעגיערונג אין אן אונאנגענעהמער לאגע דורך עפענטליכע פארווירפע איז ביז איצט עהרענהאפט געהאלטען געווארען. דאס לאנד פיהלט זיך גערעכטפערטיג אין אזא האנדלונג האבענדיג פאלשטענדיגען צוטרויען דאס אויב די רעגיערונג וועט מוזען קומען צו אן ערנסטען בעשלוס וועט זי דאס טהון נעהמענדיג אין אנבעטראכט בלויז די נויטיגקייטען פון דער ענטוויקלונג פון דער מלחמה אלס א גאנצע, וועלכע וועלען פיליכט אזא אדער אן אנדער בעשלוס ערצווינגען.

ווען מען האט אין זינן די סטראטעגיק פון דער צוקונפט טאר מען ניט נעהמען אין אנבעטראכט די גרויסע קרבנות אפילו וואס זיינען געבראכט געווארען אין דער פערגאנגענהייט."

קענעדער סאלדאטען טויט פון דער לופט אטאקע

אטאווא, אקט., 16.

לויט די בעריכטען וואס עס זענען אהער אנגעקומען פון ענגלאנד וועגען דער לעצטער דייטשער לופט אטאקע אויף ענגלאנד, ווייזט דאס צווישען די טויטע געפינען זיך 11 קענעדער סאלדאטען.

פון דער לעצטער דייטשער לופט-אטאקע געפינען זיך 14 טויטע סאלדאטען און 13 פערוואונדעטע. צווישען די זענען די מעהרסטע געווען קענעדער. חוץ די 11 טויטע קענעדער סאלדאטען זענען דא דריי פערוואונדעטע און דריי ווערען בעריכטעט זענען פערלוירען געגאנגען.

דער איבערפאל איז פארגעקומען אויף דעם אטערפול קעמפ, אין קענט, ענגלאנד. די מעהרסטע טויטע זענען פון דער 5-טער בריגאדע פון קענעדער ארטילעריע סאלדאטען פון דער צווייטער דיוויזיע.

זינט דייטשע לופט אטאקעס זענען פארגעקומען אויף ענגלאנד, איז דאס צום ערשטען מאל וואס קענעדער סאלדאטען ליידען פון דעם דירעקט.

געלד געשיקט

מר. ה. וויינבערג, שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט טאגעס קורס.

דער פרייז פון היינטיגען
— טאגעס קורס —

34

סענט (פאר רובעל)

מר. ה. וויינבערג, דער ארויסגעבער פון „זשורנאל" מיינט בלויז די טובה פון די וואס שיקען, אז זייער געלד זאל אנקומען שנעל, ריכטיג און פאר דעם ביליגסטען פרייז.

נאך צוויי שוחטים אין קאורט

פרייטאג נאכמיטאג זיינען נאך צוויי שוחטים פארגעבראכט געווארען אין פאליס קאורט אויף דער קלאגע דאס זיי האבען איבערטראטען די פעראָרדנונג פון דעם שטאדטישען העלטה דעפארטמענט, נעמליך דאס זיי האבען געשאכטען אין זייערע אייגענע און פריוואטע הייזער.

די אנגעקלאגטע שוחטים זיינען געווען שמואל בענסאן און י. בערנאוויטש.

מעדזשיסטרייט קינגספארד פאר וועמען זיי זיינען פארגעבראכט געווארען, האט זיי ארויסגעלאזען אונטער א סוספענדירטען אורטהייל. אזוי גוט ווי מען האט עס געטהאן מיט א טאג פריהער מיט די אנדערע אכצעהן שוחטים. ער האט זיי אבער געווארענט דאס אויב זיי וועלען פארגעבראכט ווערען נאכאמאל פאר'ן זעלבען פערברעכען וועלען זיי בעשטראפט ווערען צו 10 דאלאר יעדער.

נאציאנאל ארבייטער קאנפערענץ

היינט זונטאג 2 אזייגער ביטאג וועט דער קאנפערענץ אבהאלטען זיין רעגעלע מיטינג אין דער פרץ שולע 194 בעווערלי סטריט.

זעהר וויכטיגעס צום פערהאנדלען.

דער אידישער פאטאגראפער
מ. שלאכטער
פון 16 קעמעראן סטריט
האט געמופט אין 280 קווין סטריט וועסט

בילדער ווערען גענומען אויך ביי נאכט ביי ערעקטריק לייט אזוי גוט ווי ביי טאג.

גרויסע צופריעדענהייט גאראנטירט.

לכבוד דער ערעפנונג האב איך רעדוצירט די פרייזען כדי צו אדווערטייזען מיין פלאץ:

פאסט קארדס 60 סענט א דאזען
קעבינעט א דאזען $1.00
ספעציעלע פרייזען פאר גרופען.
איך פארגרעסער אייער בילד מיט א פריים פאר $1.75

ביליג פאר צוויי וואכען צייט!
נוצט אויס די געלעגענהייט.
א פאטאגראפער מיט זעלטען!

פערזיגעלטע טענדערס אדרעסירט ארטהור אנטעריא'' וועט ערהאלטען ווע־ צום אונטערצייכענטען און אינדאסירט ''טענדער פאר פיטינגס, קאסטאמס עקזא מינינגס ווערהויזעס פא פארטה פארט רען אין דיזען אפיס ביז 4 נאכמיטאג, פרייטאג, אקט 29, 1915 פאר'ן איינפיה־ רען די דערמאהנטע פיטינגס, אין פארט ארטהור, אנט.

פלענער, ספעסיפיקיישאן און א פארם פון קאנטראקט קען מען זעהען און פארמס פון טענדער קען מען בעקומען ווענדענדיג זיך צו דיזען דעפארטמענט, אין אפיס פון מר. טהאס, האסטינגס, קלערק אף ווארקס, פאסטאל סטיישאן 'פ', טאראנטא אנט, און מר. וו. הור, ארכיטעקט פארט ארטהור, אנט.

פערזאנען וואס שיקען אריין טענדערס זיינען מיר מודיע היערמיט דאס טענדערס וועלען ניט גענומען ווערען אין אנבעטראכט סיידען זיי זיינען געמאכט אויף די געדרוקטע פארמס וואס זיינען פאראן און געחתמ'עט מיט זייער ריכטיגער חתימה, אנגעבענדיג זייער בעשעפטיגונג און זייער פריוואט אדרעס. אין פאל פון א פירמא, מוז אנגעגעבען ווערען די ריכטיגע חתימה, דער כאראקטער פון בעשעפטיגונג און פריוואט אדרעס פון יעדען מיטגליעד פון דער פירמא.

מיט יעדען טענדער מוז געשיקט ווערען א אקצעפטירטער טשעק אויף א טשארטערד באנק, צאהלבאר צום ארדער פון דעם האנריבל דעם מיניסטער פון פובליק ווארקס, אויף א סומע פון צעהן פראצענט פון ווערטה פון טענדער. וועלכער וועט קאנפיסקירט ווערען אויב די פערזאן וואס שיקט אריין דעם טענדער וועט זיך ענטזאגען אונטערצושרייבען א קאנטראקט ווען דאס וועט פון איהם פערלאנגט ווערען. אדער די פערזאן וועט ניט מאכען די ארבייט לויט'ן קאנטראקט. אויב אבער דער טענדער ווערט ניט אנגענומען וועט דער טשעק צוריק געקעהרט ווערען.

דער דעפארטמענט פערפליכטעט זיך ניט צו אקצעפטירען דעם ניעדריגסטען אדער וועלכען עס איז טענדער.

ביי ארדער
ר. ס. דעראשערס
סעקרעטער.
דעפארטמענט אף פאבליק ווארקס.
אטאווא, אקטאבער 13, 1915.

צייטונגען וועלען ניט קריגען בעצאהלט פאר דיזען אדווערטייזמענט אויב זיי וועלען איהם דרוקען אהן דער פאלמאכט פון דיזען דעפארטמענט.
85830

פאר די מלחמה קרבנות

פון טימינס אנט. האבען מיר ערהאלטען 43 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות, וועלכע עס האט אונז צוגעשיקט מר. ה. סאנדערס.

פאלגענדע האבען בייגעשטייערט.

$3	בערקאָוויצקי ברידער
$3	ל. פלעגמאן
$1	י. שטיינבערג
$3	מ. לעבאוויץ
$1	א. אבראמאוו
$2	ה. דייוויס
$1	ס. פעלדמאן
$1	פ.פעטשערסקי (דזשוניאר)
$11	ל. פעלדמאן
$1	מ. פעטשערסקי
$1	מרס. ה. קאדעקעל
$2	ה. קאדעקעל
$1	ה. וויינשטיין
$1	מ. שוב
$2	ח. פעירס
$2	ס. לאוב
$	ה. קומען
$2	ה. סאנדערס
$2	פ. פעטשערסקי
$1	ח. פינקמאן
$2	מר. גערבער
$43	סך הכל.

מיסעס הערמאן 66 עליזאבעט סטריט האט געגעבען א דאלאר פאר די מלחמה ליידענדע

פינף מענשען פערוואונדעט

א גרויסער אטאמאביל עקסידענט האט פאסירט פרייטאג אבענד אין ספידיינע ווען צוויי אאוטאמאבילס האבען זיך צוזאמענגעשטויסען און איבערגעקעהרט. אלע פינף פאסאזשירען פון ביידע אויטאמאבילען זיינען שווער פערוואונדעט געווארען.

די פערוואונדעטע זיינען אבגעשיקט געווארען אין די האספיטעלער און אויך אין זייערע פריוואט הייזער.

הערבערט קאווען, פרעזידענט פון דער קאווען שאקאלאד קאמפאניע, וועלכער איז געווען איינער פון די פאסאזשירען, איז אויך שווער פערוואונדעט געווארען.

טאראנטא גראפאנאלא קא.
61 קווין סטריט וועסט (געגענאיבער טעראלי סטריט)



מיר ווינשען אויסמערקזאם מאכען דעם אידישען פובליקום פון טאראנטא און אומגעגענד, דאס מיר האלטען א גרויסען אסארטמענט פון אלעריי —

א [redacted] עקאָרדס
— ווי —
פאלקס־ליעדער, תפלות
און הייליגע געזאנגען
— פון —
קאנטאר סיראטא
און אנדערע.
ווי אויך רוסישע און פוילישע רעקארדס.

מיר פערקויפען די בעסטע גראמאפאנס און גראפאנאלאס.

קומט זעהן אונזערע מאשינען און הערען אונזערע רעקארדס, איהר זייט ניט פערפליכטעט צו קויפען.

אויף אבצאהלונג
אויב איהר ווילט.
קיין אינטערעסט.

טעלעפאן ארדערס
ווערען פינקטליך
אטטענדעד

קומט אין אונזער פלאטץ, מיר ווינשען אייער בעקאנטשאפט.
— מיר רעדען אידיש. —

טאראנטא גראפאנאלא קאמפאני
61 קווין סטריט וועסט (געגענאיבער טעראלי סטריט)

דער איינציגער סטאר וואס אין גראונד פלאאר אין שטאדט, קיינע שטיגען צו קלעטערען און קיינע עלעווייטערס.

אונזערע פרייזען פון מאשינען זיינען פון $20 ביז $250.00
רעקארדס פון 85 סענט (צוויי ליעדער.)

פארם צו בילינע פרייזען ביי ב. גאדמאן 382 פארלאמענט סטריט. פאקס, מינק סעטס און זא ווייטער. טעלעפאן מיין 6092

Real Estate
ריעל עסטייט

צו פערענטען א סטאר מיט 6 רומס אלע קאנוויניענס 171 סענט פעטריק געגענאיבער קענזינגטאן עוועניו.
נאכפרעגען 6 דעניסאן סקוועהר.
3907—18—10

צו פערענטען 25 און 27 דזשעראלד וועסט, אלע קאנוויניענס, נייע פלומבינג נייע דעקארייטעט $17 7 רומס. נאכפרעגען 29 דזשעראלד וועסט.
3885—17—10

א פלעט צו פערענטען אין 399 עדלייד וועסט, אלע קאנוויניענס.
3896—10—18

א הויז צו פערענטען 295 סימקא סט. פרעגען דר. פיוניק. טעלעפאן קאלעדזש 4070.
3932—10—17

א גרייסער בארגיין צו פערענטען א 7 רום הויז מיט א סטעביל פאר 11 דאלאר א מאנאט. נאכפרעגען 9 קעזשמער סטריט אויף סט. פעטריק פאר באטהורסט.
3865—18—10

צו פערענטען א דאבעל פארלא בילינ רענט אלע קאנוויניענס, 78 סט פעטריק סטריט.
3891—10—22

צו פערענטען א רום פאר אן אנשטענדיגען יונגען מאן אדער מיידעל.
פרעגען מרס. סארין 207 קווין סט. וועסט.
3949—10—1

א פארם צו פערקויפען אדער צו עקטשענזשען

א 50 מייל פון טאראנטא 200 אקער ארבייט לאנד מיט גוטע בילדינגס, אויך מאשינערי, פערד בהמות אלעס וואס א פארם דארף האבען פרייז $5,800

דער מאן וואס ער וויל קויפען אדער עקסטשענדזשען מוז האבען $600 קעש.

40 אקער לאנד פערזייטע פאר דעם ספרינג.

פרעגען מר. גראנער 32 בעלווין עוועניו אדער 113 קווין סטריט וועסט.

טעלעפאן ארעלייד 260 אדער קאלעדזש 6463.
3953—10—18

12 דאלאר א קאטעדזש פאלמערסטאן עוועניו, 5 רומס און באד רום און געז.
פרעגען טעלעפאן קאלעדזש 2814.
3946—18—10

2־טען פלעט און סטייבל צו פערענטען. אויך דאבעל פארלאר און בעד רום.
נאכפרעגען 225 בעווערלי סטריט.
3947—17—10

סאליד בריק שאפ, צוויי פלאארס, מיט גריסען יארד. פרעגען 212 סימקא סט. י. דייוויס.
3948—10—18

צו פערענטען א פלעט פון 3 רומס סינק, ניי געפייפערט, בילינ רענט אין 0 פאלמערסטאן עוועניו.
3961—19—10

צו פערענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס. בילינ רענט. פרעגען אין 201 שאה סטריט.
ר.—10—15)

צו פערענטען א פלעט פון 3 רומס אלע קאנוויניענס, י. פעדער 45 קעמערען סט. טעלעפאן קאל 411.
3967—19—10

קוויטירונגען
פון אידישען פאלקס פעראיין

אויף א פארטי שבת אבענד אקט. 9 ביי מיסס קאהען 257 סימקא געזאמעלט דורך אונזער האספיטאל קאמיטע ווי מיס חנה פילצמעקער און מיסס לאה ניימאן $4.20

מר. ל. קאהען האט געבראנגט די געלד צום פעראיין.

אויף א ברית אין 41½ אנדערסאן סט. ביי מר. און מרס שווארץ, געזאמעלט דורך אייזיק נאלדפעלד אונזער טרעזשורער און משה נאטליב 7.65.

מר. און מרס. פרוכטמאן האבען געקויפט די געלד, אז דער בעל ברית זאל זיי ברענגען צום פעראיין.

א דאנק פערדינט אויך הערי סילווער 63 וואלטאן וועלכער האט געהאלפען זאמלען די געלד.

דורך א טעות איז אין די לעצטע קוויטירונג אריין געגאנגען ''וועסט טאראנטא פוילישע 75 סענט''. עס האט געדארפט שטעהען ''פרץ שוהלע דזשאנקשאן.''

געזאמעלט אויף א מלוה מלכה ביי די אנשי קעלץ עדווארד 138 דורך מארים קראנציבער און יצחק קאטשקע פאר דעם פעראיין $1.15.

אפעקערדוש פארטי אראנזשירט פון אונזער זעהר טיכטיגען מעמבער נאדיל זויים 10 סענטער עוועניו און מיסס שרה קעש, בתיה שערמאן, אריין געבראכט $11.50

א גרויסער דאנק קומט אויך אונזער מעמבער בצאלאל שמוקלער פון 110 ד'ארסי סטריט פאר געבען זיינע רומס פריי און מיטהעלפען ארבייטען טיכטיג.

ביי דער חתונה פון דר. שפייער מיט מיסעס עטא פראגער האט מרס. פראגער געגעבען פאר'ן פעראיין 5 דאלאר.

אויף א חתונה אין 322 סימקא ביי מר. מאקס מיט מיסעס ראזע געלער, געזאמעלט דורך משה נאטליב און פעני קאפלאן $3.25.

דער פאלקס פעראיין ווינשט מזל טוב אלעמען. דאנקט די מנדבים אין נאמען פון די עלענדע אידישע קראנקע, וועלכע בעקומען זייער הילפע באלד אין פעראיין.

יוסף מעזניקער, טשעהרמאן
ה. מ. קירשענבוים סעק.

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט א פלאמבער פרעגען לאיעווסקי 10 ד'ארסי סטריט פאן קאלעדזש 7747
3900—17—16

פערלאנגט א גוטען ליידיס שניידער גוטע ווייזשעס, סטעדי ארבייט. נאכפרעגען 94 הארבארד.
3933—11—17

פערלאנגט א באי וואס וויל זיך לערנען שניידען ביי קלאוקס און סוטס, פרעגען ביי ס. גרינפארב און קאמפאניע.
132 ריטשמאנד סטריט וועסט.
3925—17—10

פערלאנגט א פרוי אדער א מיידעל פיר לייכטע הויז ארבייט. קליינע פאמיליע נאכפרעגען מרס. אפעל 292 קווין וועסט
3929—10—17

פערלאנגט א פערסט קלאס אפערייטאר צו וועסטען. פרעגען ארט טיילארינג קארנער קאלעדזש און מארקהעם סטריטס
3931—10—17

פערלאנגט א מיידעל אדער א פרוי פאר הויז ארבייט אין א קאונטרי.
נאכפרעגען מיסעס לעווין 79 וועגאלי טריט.
3903—11—17

א אידיש מיידעל וועט טהאן טייפרייטינג און קליינע דזשאבס אין בוכפיהרונג אין די אבענדס.
שרייבען צום זשורנאל באקס 700.
3908—22—10

פערלאנגט דזשולערערס גוטע ווייזשעס געצאהלט סטעדי ארבייט. זיך מעלדען גלייך.
י. סוויט 23 דזשאהן סטריטנארטה האמילטאן.
3937—17—10

פערלאנגט פרעסערס צו מענער רעק רענדעל און דזשאהנסאן קארנער סימקא און וועלינגטאן.
פרעגען פאר קורץ.
3952—18—10

פערלאנגט א יונגען מאן פאר א דעליקאטעסען סטאר. זיך ווענדען 233 קווין סטריט וועסט.
3954—10—1

ארבייטער פערלאנגט אין א פעקטארי שטענדיגע ארבייט. פרעגען קאנאדיען וואטער רעדי קאמפאניע 90 טשעסנאט סט.
3956—17—10

פערלאנגט א מיידעל, אידיש אדער ענגליש, פאר לייכטע הויז ארבייט.
404 יאנג סטריט.
3958—19—16

פערלאנגט א מיידעל, א אידישע אדער א פוילישע, גוט בעצאהלט און א גוטע היים.
188 גרענדוש עוועניו.
3962—19ש10

פערלאנגט
פינישערס אויף פענטס, גוטע ווייזשעס בעצאהלט. סטעדי ארבייט. נאכפרעגען: ''עמפייר קלאדהינג קא.'', 160 דזשאן סט.
3943—10—18

פערלאנגט צוויי ארבייטער מיט באארד א שניידער פאר קינדער סוטס און א אסטער צום לאסטען שיף. זיך ווענדען 161 האנדאס סטריט.
3927—10—17

פערלאנגט א באי אדער א מיידעל זאל קענען מאכען לאפעלס און קאלערס. גוטע בעצאהלונג און סטעדי ארבייט. נאך פרעגען 188 קינג וועסט.
3957—10—19

דער בעסטער פלאמבער און בלעקער עס ווערט געמאכט אלערליי ארבייט אויף לייכטע אבצאהלונג. פוירנעס פייפ און סטאף פייפ 6 סענט א לענג.
ב. שערמאן 527 קווין סטריט וועסט טעלעפאן ארעלייד 2055.
390211—11

פערלאנגט פינישערס אויף פענטס גוטע ווייזשעס, סטעדי ארבייט. נאכפרעגען: ,,קעפיטאל ברענד טראוזערס'' 160 דזשאהן סטריט טאפ פלאאה.
394410—18

וויכטיג פיר די פרויען פון וועסט ענד!

איך מאך בעקאנט דאס פובליקום פון די וועסט דאס דאנערשטאג דעם 14 טען אקטאבער וועט געעפענט ווערען מיין בוטשער שאפ אין 555 קווין סטריט וועסט וואו איהר קענט ביי מיר בעקומען צו יעדער צייט פרישע פערשיעדענע פלייש

צו 9 סענט א פונט

מיר דעליווערען צו יעדער פארט פון שטאדט.

אכטונגספאלל
פ. מארגאליעס
555 קווין סטריט וועסט
טעלעפאן ארעלייד 1424

זוכען זייערע קאזינס

ניט פערגעסענע קאזינס, האנע און אברהם אליהו פראדקינס: (פיליכט איז דער אנקעל הירש פראדקין אויך אין טאראנטא, איז אוודאי גוט!)

מיר, קיילע און דאנע באלאטינס, זיינען יענטע רחל'ס קינדער, אייער מוטערס מלכה'ס ע"ה א שוועסטער, בעטען אייך רופט זיך אב אויף אונזער אדרעס.

מיר זיינען חלילה ניט נויטבעדערפטיג מיר ווילען ניט זיין עלענד, מיר ווילען האבען פון פריינדליכע גרוסען פון פריינד.

אונזערע ברידער קענט איהר גוט. ברוך און משה באלאטינס פון סוראזש טשערניאווער גוב. ענטפערט, ווערט ניט פערפרעמדט.

די עלענדע קאזינס קיילע און ראניע באלאטינס.

Miss Bolotin,
413 N. Bond Street
Baltimore, Md

3945—16—10

פערלאנגט א ליידיס שניידער אויף פינישערין אין 842 דאווערקאורט ראוד.
3963—10—19

פערלאנגט א שניידער פאר סעקאנד האנד קלאדינג צו פיקסען. סטעדי ארבייט פרעגען 335 קווין וועסט.
3964—10—18

א קצור פון די נארטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער עני מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בעקומען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן אדער אלבערטא.

דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד אידזשענסי אדער סאב אוידזשנסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין אפיס פון לאקאל אוידזשענסי פון דאמיניאן לאנד (ניט סאב אגענט) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף בעארבייטען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז בעזיצער קען וואהנען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט ווייניגער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען, א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל סיידען ווען דערוואהנונג איז אויף'ן זעלבען פלאץ

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטידער וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויף פלאץ און יעדע זעקס יאהר ווען די האמסטעד געהט אריין אין קראפט (שוין אריינרעכענענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קולטיווירען איז אבהענגיג אין קיים אויב אוים געפינען דא דער פלאץ איז א זאמדיגע אדער א שטיינענדיגער נאבדעם ווי רעפארטע צו האמסטעד אינספעקטאר.

א פארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעזולטאטע קען נעהמען לאנד אין וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 5 דאלאר אן אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען אין יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויפבילדען א הויז אין ווערטה פון $300

וו. וו. קארי.
דעפיוטי מיניסטער אף אינטעריאר

נ. ב. ניט אויטאריזירטע פובליקאציעס פון דעם אדווערטייזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.
— 87088

צו אלע טשיקען הענדלער!

פריינדע, איהר זייט אויפגעפאדערט צו א מיטינג אין 222 סימקא סטריט זונטאג דעם 17־טען אקטאבער אום 1 אוהר נאכמיטאג.
3942—10—17

צו די רענס פעדלערס פון טאראנטא

זייט וויסען אז איך קויף וויטער לאנדאנער רעקלאף און איך צאהל 4 סענט א פונט.

איך בעט אלע פעדלערס זיי זאלען מיר פאטראניזען, ווייל איך בין דער אלטער קויפער.

מר. סיבעלמאן 81 סענטער עוועניו איך האב קיין פארטנערס נישט.
3905—18—10

עקספרעסען און שווערע וועגענס. ווי אויך פוירסט קלאס קערידזשעס פיר התונות צו רענטען. פרייזען פון $1.00 ביז $1.75 יעדער. ספעשעל פרייזען פיר לווית.
האלגרייווס ליווערי 11 גרענדוש עוו.
פאן קאלעדזש 4953.

,,איהר עהרע''
אן ארגינעלער און שפאנענדער ראמאן אויס דעם היגען אידישען לעבען.
געשריבען ספעציעל פאר'ן ,,אידישען זשורנאל''
פון ב. בארעץ.

(6־טע פארטזעצונג.)

אלע אנשטרענגונגען פונ'ם סארדזשענט צו בעוועגען זיין בעקאנטע נוירס פון האספיטאל זי זאל זעהען פערענגערען ,,סטראנג דייווי'' שנעלער, האבען זיך ניט איינגעגעבען. די נוירס האט זיך ניט אפגעשראקען פאר דעם סארדזשענטס טראשונקעס, און זי האט זיך אויך ניט געלאזט איינרעדען, און פערפיהרען פון גרויסע טובות וואס ער האט איהר צוגעזאגט. זי האט עס פאר קיין פאל ניט געוואלט טהאן.

דעם סארדזשענטס און דעם אינספעקטארס שרעק איז אבער געווען א גאנץ אומזיסטער. ,,סטראנג דייווי'' איז געבליבען די גאנצע צייט בעוואוסטלאז און אויפ'ן צווייטען טאג, ווען דער הויפט דאקטאר איז צוגעגאנגען איהם בעטראכטען, האט ער איהם ערקלעהרט פאר טויט. די דערביישטעהענדע נוירס איז גלייך צוגעלאפען און האט אריבער געצויגען די ליילאך איבער זיין קאפ, שעפטשענדיג דערביי עפעס א תפלה.

עס האט אויך לאנג ניט גענומען און עס זענען אריינגעקומען צוויי האספיטאל אנגעשטעלטע מיט א סטרעטשער, און האבען דעם טויטען קערפער ארונטער געטראגען אינ'ם האספיטאל מארג.

פונ'ם האספיטאל האט מען גלייך געלאזען וויסען דעם הויפט קאראנער פון שטאדט וועגען דעם פאל. דער קאראנער האט פעראָרדענט, אז דער טויטער קערפער זאל גלייך געבראכט ווערען אינ'ם שטאדטישען מארג.

דעם זעלבען טאג נאכמיטאג איז א גרויסער שווארצער וואגען, בעקאנט אלס דער טויטער וואגען פון מארג אבגעפאהרען פון האספיטאל, אין וואגען איז געלעגען דער טויטער קערפער פון ,,סטראנג דייווי''.

מיט דעם וואס דער קאראנער האט געהייסען צונעהמען דעם קערפער פון האספיטאל און ברייננגען איהם אין מארג, איז די מארד קיים ארויס פון די הענט פון דער פאליציי פון יענעם דיסטריקט, וואו דער מארד איז געשעהען, נור דער גאנצער בעל הבית איז שוין געווען דער קאראנער.

דעם זעלבען אויפדערנאכט, איז געזעסען דעם קאראנערס א דזשורי, וועלכע האט בעדארפט ארויסטראגען א ווערדיקט וועגען דעם טויט פון ,,סטראנג דייווי''. אלס עדות זענען גערופען געווארען די פאליסלייט, וועלכע זענען געווען דערביי. זיי אבער האבען ניט געהאט פיעל צו דערצעהלען, זיי האבען אלע געזאגט, אז זיי זענען אנגעקומען אויפ'ן פלאץ דאן, ווען אלעס איז שוין געווען פאריבער.

ווען אויפ'ן עדות שטוהל איז ארויף דער פאליסמאן, וועלכער איז דער ערשטער אנגעקומען אויף דער סצענע, האט ער זיך ניט וועלענדיג ארויסגערעדט, דאס ער האט געפונען דעם רעוואלווער מיט וועלכען דער אונבעקאנטער איז ערמארדעט געווארען.

דער אינספעקטאר, וועלכער איז געזעסען דערביי, האט זיך געביסען די ליפען ביז אין בלוט פאר פעררדרוס ער האט זיך דערמאהנט, דאס האט ער ניט ריכטיג אנגעזאגט דעם פאליסמאן, וועגען דעם רעוואלווער, און דער פאליסמאן ניט זייענדיג קיין גרויסער חכם און ניט וויסענדיג וועגען וואס דא האנדעלט זיך, האט דערצעהלט דעם אמת.

,,וואו זשע איז דער רעוואלווער, וועלכען איהר האט געפונען?'' האט דער קאראנער געפרעגט דעם פאליסמאן.

איידער דער פאליסמאן האט צייט געהאט צו ענטפערען, האט זיך דער אינספעקטאר אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און האט א זאג געטהאן הויך אויפ'ן קול.

,,דזשענטעלמען! איך האב דעם רעוואלווער ביי זיך!''

דער סארדזשענט, וועלכער איז דערביי געשטאנען האט זיינע אויערען ניט געגלויבט.

,,אבער, האט דער אינספעקטאר פארגעזעצט, איך האב ניט געוואוסט, אויב איהר וועט עס נויטיג האבען ביי דיזען פערהער, און דעריבער האב איך איהם געלאזען אין סטיישאן, נור אויב איהר ווילט עס האבען, וועל איך עס גלייך ברייננגען.

דער אינספעקטאר האט גאנץ גוט געוואוסט, אז אין אזא קיים מוז יעדער זאך פארגעלייגט ווערען פאר דעם קאראנערס דזשורי. ער האט זיך אבער ניט וויסענדיג געמאכט, אום ניט צו ציהען אויף זיך קיין אויפמערקזאמקייט, אז ער האט געוואלט אונטערדריקען בעוויזען. פאר דעם זעלבען מאטיוו האט ער זיך אויך אליין ארויסגעכאפט מיט אן ענטפער פאר דעם פאליסמאן, וועלכער איז גערופען אויס'ן עדות שטוהל.

,,איך וואלט אייך זעהר דאנקבאר געווען, אינספעקטאר, אויב איהר וואלט עס גלייך געקענט ברייננגען''.

,,גאנץ געוויס! האט דער אינספעקטאר מיט רעספעקט געענטפערט. איך ברייננג עס גלייך''.

ארויסגעהענדיג פון מארג, איז דער אינספעקטאר געווען בייז ווי א טיגער. ווען ער וואלט אויף'ן מאמענט געהאט דעם פאליסמאן אין זיינע הענט, וואלט ער איהם מיט זיינע אייגענע הענט געווען דערשטיקט. ער האט אבער געמוזט געגען זיין אייגענעם ווילען טהאן וואס מען האט איהם געהייסען. דער ערשטער געדאנק איז געווען, ער זאל ערגעץ בעקומען אן אנדער רעוואלווער און זאל עס ברייננגען. באלד אבער האט ער זיך אויסגערעכענט, אז פאר איהם איז דאס א זאך דער אונמעגליכקייט: נעהמען א פאליציייסקען רעוואלווער, וועט מען גלייך כאפען, געהן קויפען אויף דער מינוט א רעוואלווער, וועט ער זיך ערשטענס דארפען אונטערשרייבען, צווייטענס קען מען איהם איבעראל, און אז מען וועט דערנאך פיליכט קומען פרעגען, ווער האט דעם רעוואלווער געקויפט, וועט דער פערקויפער אנווייזען אויפ'ן אינספעקטאר.

מיט א געבראכענעם געמיט איז געבאך דער אינספעקטאר אוועק אין סטיישאן האט ארויסגענומען פונ'ם דעסק דעם רעוואלווער און האט עס אליין אוועקגעטראגען צום קאראנער.

אלע דזשורי לייט האבען דעם רעוואלווער בעטראכט, האבען אנגעקוקט דעם ערמארדעטען, און עס האט לאנג ניט גענומען. די דזשורי האט ארויסגעטראגען א ווערדיקט, אז דער אונבעקאנטער איז געקומען צו זיין טויט דורך עטליכע רעוואלווער קוילען, וועלכע זענען אין איהם אריינגעשאסען געווארען פון א אונבעקאנטען מערדער. זיי האבען אויך רעקאמענדירט, אז דער טויטער זאל בלייבען ליגען פאר דרייסיג טעג, און מען זאל לאזען וויסען דעם עולם דורך די צייטונגען, מען זאל קומען אנקוקען דעם טויטען אפשר וועט איהם יעמאנד דערקענען.

זיי האבען אויך רעקאמענדירט, אז פאליציי דעטעקטיווס און פריוואטע דעטעקטיווס זאלען אנגעשטעלט ווערען צו זוכען דעם מערדער, ווייל דאס איז א זעהר אויסערגעוועהנליכער פאל.

די צייטונגען, וועלכע האבען פון דעם מארד געמאכט א גאנצע סענזאציע, האבען ניט אויפגעהערט צו שרייבען, אז די מערדער מוזען געפונען ווערען. זיי האבען געשריהען, אז אין שטאדט געפינען זיך גאנצע באנדעס מיט מערדער, וועלכע דארפען געכאפט ווערען.

דער מארד איז געווארען אזוי פאפולער אין שטאדט, אז ווען עס איז אנגעקומען געווארען, אז מען פאדערט אויף דאס פובליקום צו געהן זעהען פיליכט וועט איהם יעמאנד דערקענען, איז כמעט די גאנצע שטאדט געגאנגען קוקען. עס פלעגען יעדען טאג אנקומען אזוי פיעל מענשען, אז פאליסלייט האבען בעדארפט געשטעלט ווערען צו האלטען ארדנונג און האלטען די שטראמענדע מענשען אין ליין.

מערקווירדיג איז. דאס וואס פיעלע פון די בעזוכער האבען גאנץ גוט געקענט דעם טויטען און וועלכע זענען איהם געקומען זעהען זענען ניט אריין אינ'ם אפיס פונ'ם מארג זיך צו פערשרייבען, אז די וויסען ווער ער איז. דאס זענען געווען חברה פון דער אונטערוועלט, וועלכע זענען געקומען ווארפען זייער לעצטען בליק אויף ,,סטראנג דייווי''.

דער רעזולטאט איז געווען, אז נאך דעם ווי דער טויטער איז אבגעלעגען דריי טאג, האט מען איהם בעגראבען, ניט וויסענדיג ווער ער איז.

דעם לעצטען טאג, ווען דער שטראם פון די בעזוכער איז ניט געווען אזוי גרויס, איז געגאנגען ראזי ווארפען איהר לעצטען בליק אויף דייווין. צוגעהענדיג נאהענט צום קאסטען און אנקוקענדיג זיין פערקרימטען צוקאליעטשעטען פנים, האט זי אן עקעל אנגעכאפט. זי האט געפיהלט ווי א שפייי צו טהאן אויף איהם און צוטרעטען איהם מיט'ן פוס. זי האט זיך אבער איינגעהאלטען. זי האט בלויז אינערליך א שמייכעל געטהאן, און האט א מורמעל געטהאן: ,,בעסטיע''!

קיינער האט אבער ניט געזעהען ווי פון א צווייטען ווינקעל פון מארג האבען צוויי פלאם־פייערדיגע פרויען אויגען געקוקט אויפ'ן ערמארדעטען. אין די אויגען האט זיך אבגעשפיגעלט א גלאנץ פון צופרידענהייט און אנגעזעטיגטער ראכע.

דאס איז געווען זיין מערדערין.

(פארטזעצונג פאלגט.)

אלט ניילאנד

ראמאן

פון טהעאדאר הערצל.

אויב איהר ווילט איז דאס
ניט קיין בבא מעשה.

(27־טע פארזעצונג.)

א מאהל זיינען געווען פויערים, וועלכע זיינען געווען מתמידים אין דער ארבייט ווי איהר, און זיי האבען זיך פארט ניט געקענט דערשלאגען צו א חיונה אחן דאגות. דער אמאליגער לאנדסמאן האט נאך ניט געקענט די כחות פון זיין אוועגען שטיק ערד, ער איז געווען פויל צו לאזען אונטערזוכען העמיש זיין שטיק לאנד. ער האט נאר געארבייט און געשוויצט, אנגעווענדעט מעהר קראפט ווי נויטיג איז אדער וואו מען האט דאס ניט געדארפט, ער האט בענוצט די ערגסטע מילען דערצו. דער אמאליגער פויער האט ניט געקענט שפארעוודיג ארבייטען, ווייל ער איז געשטאענען אין א גדיכטען טומאן, בעת מען זעהט ניט דריי טריט ווייט פון זיך. צו האט ער געדארפט קרעדיט אויף פערבעסערונגען, פלעגט ער אריינפאלען אין די הענד פון די וואכער־יקעס, און דאס גערעטעניש האט ניט געקלעקט אויף אבצוצאהלען דעם חוב, וואס איז שטענדיג געוואקסען, ער איז ניט געווען פערזיכערט ביי דער אסעקוראנץ קעגען האגעל־וועטער און אנדערע שלעכטע סבות. צו בעוואסערען אדער אויסצוטריקענען זיין לאנד האבען ניט געסטייעט זיינע מיטעל. אין א ניט גערעטענעם יאהר פלעגט ער פערארעמט ווערען, און ווען דאס גערעטעניש איז געווען גרויס, איז ער דערפון ניט רייכער געווארען ווייל ער האט ניט געהאט פערבינדונגס מיטעל, צו ברענגען אליין די תבואה אויפ'ן וועלט־מארק. ער האט געהאט אדער צופיעל אדער צו ווייניג העלפערס ביי דער ארבייט. זיינע הונגעריגע קינדער האט ער ניט געקענט געבען לערנען, און זיי פלעגען אויפוואקסען פער'חמור'ט ווי ער און זיינע אבות, און בשעת עס האבען זיך בעוויזען די נייע גרויסע פערבינדונגס מיטלען, ווי באהנען, עלעקטרישע און אנדערע, האט זיך אויסגעדראכט, אז זיי זיינען נאר דערצו דא צו מאכען א תל פון דעם קליינעם לאנדסמאן. אין מאנכע לענדער איז דער אקערבוי צוזאמענגעשמאלצען אין איינצעלנע גרויסע גיטער. די מאשינען פלעגען בערייכערען דעם גרויסען גוטס בעזיצער (פאמיעסטשיק) און דעם קליינעם נאך ארעמער מאכען. א נייע פאנסטשינע (קנעכטשאפט) איז בעשאפען געווארען. דער פרייער פויער איז געווארען א פעלד־קנעכט ביים גרויסען גוטסבעזיטצער און זיינע קינדער פלעגען זיך פערדינגען פאר לאהן אין די פאבריקען.

די אמאליגע געזעלשאפט מיט איהרע פיהרונגען איז געשטראפט געווארען מיט דעם אונגליקליכען מצב פון איהרע פויערים, און א סך עהרליכע און טיעפבליקענדע מענשען האבען דערויף געזיפצט, געזוכט צו דערגעהן נעגויער דיא סבות פון דעם מצב, געגרובט אנגעווענדען פערשיעדענע מיטלען. אלץ וואס די וויסענשאפט און די ערפאהרונג האט נאר געוואוסט, האט מען אנגעווענדעט. אז איין זאך זיינען אלע געוויען איינפערשטאנען, אז אין א דור פון מאשינען, אייזענבאהנען און עלעקטריציטעט, מוז מען זיך סטארען צו בייטען די בעדינגונגען פון דער מענשליכען ארבייט, לויט דעם נאך, ווי עס פאדערער אונזערע נייע קענטניסע פון די קרעפטען אין דער נאטור. דאס ניינצעהנטע יאהרהונדערט האט אויפגעצויגען א הינקעדיגען דור.

אין אנפאנג פון דעם 19־טען יאהרהונדערט האט מען אבגעגעבען כבוד דיא גרעסטע בעלי־חלומות און די פראקטישע עהפינדער האט מען געהאלטען פאר משוגע. נאפאלעאן דער גרויסער האט ניט געגלויבט, אז פולטאנס דאמפף־שיף קען ברענגען א מאהל אימיצען א נוצען. דערפאר אבער האט אזא צומישטער מוח ווי פוריע געקראגען א סך אנהענגער פאר זיינע פלענער, וואס האבען ניט געהאט קיין שום ווערדע. סטעפענזאהן, דער וועלכער האט איינגעפיהרט די אייזענבאהן, און קאבעט, וועלכער האט גע'חלומ'ט פון אי קאריען, האבען געלעבט אין איין צייט. איך קען אייך אנרופען נאך א סך אנדערע נעמען, פון וועלכע איהר הערט אפשר צום ערשטען מאל".

אלע האבען זיך צוגעהארכט צו דוד'ס ווערטער, וואס איז מעהר געווען א בילדונגס לעקציאן ווי א פאלקס־רעדע, רוהיג און שטיל. איצט אבער, בעת דוד האט אויף א רגע אבגערוהט, האט זיך מענדעל אויפגעהויבען און האט מיט א סטאטיסטיק אבער הויך געזאגט:

„רעד צו דער זאך! וואס פאר א שייכות האט דאס מיט ניידארף ?"

דוד האט געלאסען געענטפערט:

„א גאנץ גרויסע, מיינע פריינד! איטליכע נייעגבדעקטע מאשינע פלעגט בעשאפען א נייעם סאציאליסטישען חלום. דאס פאריגע יאהרהונדערט דאכט זיך מיר אויס ווי א גרויסע פאבריק, וואו שכל'דיגע מאשינען זיינען געלעגען אין די הענד פון אונגליקליכע מענשען. פון די פאבריק קוימענס פלעגען זיך אויפהויבען געדיכטע וואלקען פון רויך צום הימעל וואס איז אמאל געווען בלוי. ווי די וואונדערליכע, משונה'דיג אויסזעהענדיגע רויכוואלקענס, וואס פלעגען צופליסען און ווערען פערוועהרט אין דער לופט, האבען א פנים געהאט די נבואות פון די דאמאלסטדיגע סאציאליסטען, און ווען ד' מענשען פלעגען אויפהויבען זייער בליק אין דער הויך, פלעגען זיי שוין ניט זעהען דעם אמאליגען הימעל, זאנדערען די רויך וואלקענס פון סאציאליסטישע משיח'ס צייטען.

עס זיינען אויך געווען וואלקענס אין רויזענפארב ווי, למשל, דער בערימטער וואלקען פון אמעריקאנער בעלאמי, וועלכער האט אין זיין בוך „א בליק פון יאהר 2000 צוריק אויף דאס יאהר 1887" אונז פארגעשטעלט א ערלע קאמוניסטישע געזעלשאפט: אין דער געזעלשאפט קען איטליכער עסען פון זיין שיסעל ווי פיעל דאס הארץ גלוסט, וגר זאב עם כבש (שעפס און וואלף וואהנען צוזאמען), שעהן, גאנץ שעהן. נאר דאמאלס זיינען די וועלף שוין מעהר קיין וועלף ניט, און די מענשען זיינען שוין מעהר ניט קיין מענשען. נאך בעללאמי איז געקומען דער בעל חלומות הערצקא און האט געשריעבען זיין חלום וועגען א גליקליכע צוקונפט פאר אלע מענשען אין דעם בוך „פרייהלאנד". זיין פלאן איז א פראקטיגע קונצשטיק, פון דעם סארט וואס מען קען פערגלייכען מיט די געניטקייט פון א כישוף מאכער, וועלכער ציהט ארוים פון היטעל בלומען, טויבען, אייער, זייד, קופער און מעש. דאס זיינען שעהנע חלומות; אויב איהר ווילט, זיינען דאס לופט־באלאנען, וואס לאזען זיך ניט קירעווען. ווייל די ווערק פון דיעדעלע בעלי חלומות, דורכגעדרונגען פון מענשענליעבע, האבען איין חסרון: זיי בעווייזען די ריכטיגקייט פון זייערע ווערק מיט אזעלכע טעמים, וואס דארפען נאך אליין בעוויזען ווערען. זיי בויען אויף דעם געדאנק דאס די מענשען זיינען שוין גענוג דערוואקסען און גענוג פריי אין זייערע מיינונגען, בקיצור אז די מענשען פערמאגען אלע מעלות, וועלכע עס זיינען נויטהיג ביי דער גריגדונג פון א נייער בעסערע געזעלשאפט. און אפשר האבען זיי געוואוסט זייערע פעהלער נור זיי האבען אומיישנע אנגענומען א פעסטען פונקט, אויף וואס זיי זאלען קענען בויען די פארשטעלונג פון א געזונדער, עהרליכער, אידעלער, פרייער מענשליכער חברה ? זיי האבען געמיינט, אז די מעשינע איז די הויפטזאכע, בכדי צו בעשאפען א נייעם. ניין, ד' הויפטזאכען איז די קראפט, נאר די קראפט, ווי אמאל אזוי איצט. עס פערשטעהט זיך, אז ווען מען בעזיצט שוין די קראפט, וועל איך צוליעב די נייעסטע ערפינדונג זי קענען אנווענ־ען אין א הערבערען גראד. מיר אבער האבען בעזעסען אט די קראפט. פון וואנען האט ז' זיך ביי אונז גענומען ? פון דער גערעכטיגקייט, אין וועלכע מיר זיינען שטענדיג געווען און וועלכע האט געדריקט אויף אונז פון אלע זייטען, פון אונזערע צרות, נויט און רדיפות. די רדיפות האבען צוזאמענגעפרעסט די צושפרייטע און צוזייטע, זיינען געווען די סבה פון אונזער אחדות און אונז שטארק געמאכט, ווייל ניט נאר די ארמע זיינען געקומען, נאר אויך די רייכע ; ניט נאר די יונגע לייט, נאר אויך די חכמים די זקנים ; ניט נאר בעלי חלומות נאר אויך די געלערנטע ; ניט נאר די הענד, נאר אויך די קעפ. א פאלק, א גאנץ פאלק האט זיך צונויפגעקליבען, אדער נאך בעסער, האט זיך ווידער צוזאמענגעטראפען. און מיר האבען בעשאפען "די נייע געזעלשאפט" ניט דערפאר, ווייל מיר זיינען געווען בעסערע מענשען, נאר דערפאר ווייל מיר זיינען געווען פשוט'ע מענשען, מיט די געוועהנליכע מענשליכע בעדערפניסען, וואס פאדער'ען לופט און ליכט, א געזונדען גוף, א לעבען בכבוד, סוחרישע פרייהייט און די אחריות, אז דאס וואס איך האב — געהערט מיר. און אזוי ווי מיר האבען געמוזט בויען א נייעם בנין, האבען מיר ניט געבויט נאך די פלענער פון 1900 און ניט נאך די פלענער פון 1800, אדער 1600, אדער נאך עפעס אן אנדער פלאן פון פערצייטיגע דורות. מען דארף אונז דערפאר ניט גלעטען איבער'ן בעקיל, מיר האבען ניט געטהון קיין נסים, מיר האבען נור געטהון דאס, וואס אונזער דור, אונזער מצב האט געפאדערט פון אונז מיט געוואלט, מיט נויטווענדיגקייט".

(פארטזעצונג פאלגט.)

קאננעלל
קויהלען
$7 א טאן.
פאר וואס זאלט איהר צאהלען $7.75 א טאן ווען מיר וועלען אייך בעזארגען מיט די בעסטע אנטהראסייט קויהלען דירעקט פון אונזערע אייגענע מינען אין פענסילוואניא צו $7 א טאן ?
טעלעפאנירט היינט אדעלייד 2068 אדלייד 3297.
Connell Anthracite Mining Co. Limited
קוילען און ספעדיינא

פערדרוס בעמערקונג

פון הרב ר"י גארדאן

איך האב זיך אליין ניט געגלויבט וואס מיינע אויגען האבען געזעהען און וואס איך האב פערזענליך געהערט מיטוואכדיגען אבענד אין אפיס פון זשורנאל.

א גרופע מענשען מיט ווילדע בענעהמונגען, געשרייען און ניעדריגסטע תנועות האבען גערענעט מיט קלות אויסגעמישט מיט אומגעלומפערטע זלזולים פון דעם ערגסטען סארט, שרייענדיג "מיר וועלען זיי ווייזען ווי צו אומגליקליך מאכען ארימע אידען.

דיעזע שרייענדע גרופע איז געווען צונויפגעשטעלט פון א טהייל טשיקען הענדלער וועלכע די סיטי ערלויבט זיי ניט צו שעכטען ביי זיך אין הויז.

אבער אנשטאט צו שרייען און פראטעסטירען, — אויב עס איז מעגליך צו העלפען מיט פראטעסטען — אויף די יעניגע וואס זיינען שולדיג אין דעם נייעם געזעץ וואס מאכט שוועריגקייטען איבערן עופות־פערקויף, האבען זיי געשרין אויף די רבנים רופענדיג זיי מוסרים, גזלנים, באנדיטען און נאך אזוינע שעהנע בכבוד'יגע נעמען.

מילבען, ליימענע מוחות, ניעדריגע עזות־פנים'ער, דאס איז וואס איך קען אנרופען אזוינע מענשען. צוליעב דעם וואס אייער פרנסה ליידעט דארפען די רבנים ווערען מוסרים? אויב איהר האט ניט קיין שכל צו פערשטעהן די אומשטענדען פון דאס וואס עס האט געפיהרט צו פערמאכען די פריהערדיגע שחיטה פלעצער. געהט און געפינט דורך א צווייטען. אבער ערלויבען זיך צו ווערען ריכטיגע לומפען, בעליידיגען דעם עסטרייכער רב אין די אויגען דאס איז א פערברעכען וואס שליסט אויס אין גאנצען צו האבען א פערבינדונג מיט'ן פערקויפען כשר'ע געשאכטענע טשיקענס.

דער וואס זאגט, ער וועט שלאגען רבנים און איז מבזה תלמידי חכמים נעהמט פון איהם פון דער אידישער דין אוועק זאגאר זיין נאכקומענדע־וועלט. דער חטא פון "זלזול הורים ומורים" האט געפיהרט דאס אידישע פאלק צום אונטערגאנג און צו דער טרויעריגע גלות לאנג.

אמת איך האב אגיטירט ביי פיעלע פערזאמלונגען און פארגעשלאגען דורך דיעזער צייטונג אז א "טעקסיישאן" זאל געמאכט ווערען אויפ'ן שעכטען א טשיקען אום מען זאל דורך'ן שחיטה איינקאם קענען פערלייכטערען די ארימקייטען פון די צדקה אנשטאלטען און בין ניט געגאנגען בעפאר בעטען אייער הסכמה. אבער דורך דעם ווערען נאך די רבנים ניט אויס־רבנים און די טשיקען הענדלער ניט אויס דיעלערס.

און יעצט בין איך ביי דעם זעלבען בעהארינגען מיינונג דאס פארשטעהער פון די אידישע שטאדט, זאלען איבערנעהמען די שחיטת עופות זעהענדיג אז קיינער זאל ניט גערויבט ווערען פון זיין הכנסה וואס ער האט געהאט, מאכענדיג דערביי א ריכטיגע השגחה אויף די כשרות אנגעלעגענהייטען און אויך האבען א פאסענדע איינ־נאהמע פיר שטאדטישע בעדערפענישען, און דערצו זעהען וואס עס קען געטהאן ווערען וועגען נויטיגע שחיטה־ערטער אין פערשיעדענע ריכטונגען פון אידישע בעפעלקערטע גאסען, ארויסנעהמענדיג די שוחטים פון די קעלערען וואו זיי זיינען געצוואונגען צו שעכטען "לאור־הנר" ביי־טאג שטעהענדיג שטונדען לאנג אין דיא טיעפקייט פון סט. פעטריקס מארקעט בנין וואו די זונן שטראהלען קומען ניט צו.

האבענדיג אזא בעלויכטונג אין געהרפען צו ווערען מיט נעמען וואס רוסישע הוליגאנעס רופען אידען ווילט זיך שוין מעהר ניט פיהרען פערהאנדלונגען וועגען איננאהמע פאר די צדקה הייזער און אויסבעסערען די טראבעל פון שחיטת עופות. דאס איז אן אלגעמיינע אויפגאבע פיר יעדען אידען אויב איהם איז שווער צו געהן פון א ווייטע סטריט אין סענט פעטריקס מארקעט שעכטען אן עוף. זאלען די אלע וואס זיינען אומצופריעדען מיט'ן סיסטעם זוכען מיטלען ווי צו ענדערען איהם איבערלאזענדיג פאר דיא רבנים די אויפמערזאמקייט פון כשרות אליין.

א סצענע פון "פי[illegible]י הארט" וועלכע איז פראדוצירט אין אלעקסאנדריא טהעאטער אנפאנגענדיג מאנטאג אבענד און די גאנצע קומענדע וואך.

אברהם קאהען
באררסיסטער
נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פיר נעהמען אפידייוויטס
Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET
Main 2684
Residence, 7 Salem Ave. Junction 1545

— נ א ט י ס —
מיר ווינשען בעקאנט צו מאכען דעם אידישען פיבליקום דאס מיר האבען געעפענט אונזער
ביילִיף אפפיס
אין
107 אדעלייד סטריט, וועסט.
אונטער די אויפזיכט פון בראונשטיין און וואלש ווי די איינציגע אידישע ביילִיפס אין דער שטאדט.
מיר עקזעקיטירען ווארענטס און קאלעקטען רענטס. א. ז. וו. אונזערע טערמס זענען ריזאנאבעל און ריטארנס ווערען פונקטליך געמאכט.
בראונשטיין און וואלש, פראפרייטארס.
טעלעפאן אדעלייד 3607.

בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע פריינדע און פאטראנייזער פון טאראנטא און אומגעגענד דאס איך אטענד צו ברית'ן און חתונות ניי אימער מיט די בעסטע צופריעדענהייט. איהר קענט מיר טעלעפאנירען אין הויז ווי אויך אין מיין שיפס־קארטען קאנטאר און איהר וועט זיכער צופריעדען געשטעלט ווערען ווייל מיין נאטור קענט איהר אלע איז צופריעדען צו שטעלען יעדען איינעם אויף'ן בעסטען ארט.
מיין אדרעסע איז 166 דזשאהן סט. טעלעפאן אין הויז אדעלייד 1545 און אין אפיס ארלייד 239.
רעוו. מ. קאפלאן
מוהל ומסדר קידושין
איך גיב מעררידזש לייסענס פריי.

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY
באנעווענטשור יוניאן דעפא. מאנטרעאל.

אושען לימיטעד	[illegible] 7.25 נאכמיטאג	טעגליך

מאריטיים עקספרעס
טעגליך אויסער שבת. 8.15 מארגענס
סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.
[illegible] און האליפאקס
קאנעקשאן פאר סיינט דזשאהן, די סידנים פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.
ע. טיפפין דזשענעראל וועסטערן אידזשענט
51 קינג סטריט איסט טאראנטא מיין 554

כשר
TERDIMAN'S
כשר סאסעדזש
איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע, פרישסטע און בעסטע סאסעדזשעס. ווארשט. סאלאמא. פאסטראמא. צונגען און אלע סארט פליישען און פיש.
פערלאנגט איבעראל
טערדימאן'ס כשר סאסעדזש
מיט'ן רויטען לייבעל.
622 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 909

כשר און ביליג און גוט
איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסערים און אייזקרים פארלארס און דעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע וואארען ווערען פערקויפט ביליגער 2 סענט אויף דעם פונט אין קעש. און איהר בעדארפט ניט צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעס. דאס זיינען די וואארען: ווארשט, וויענערס, קארענדביעף, באלאגנא
ארדערס דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט
משה סאלקאוויטש, 694 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן ארעל. 1559

דר. מ. פיוניק
.·. דענטיסט .·.
קאר. קווין סט און ספאדיינא עוו.
טעלעפאן ארעלייד 4067
באנק אוו האמילטאן בילדינג
Dr. M. PIVNICK, B. A. Sc.
Room 2

מ. מ. דייוויס
פאבליק אדיטאר
אדיטינג, סיסטעמאטייזינג אינוועסטיגיישאן.
350 קאלידז סט. טאראנטא
טעלעפאן קאלידז 7632

Toronto Wet Wash Laundry
Co. Limited
פערלירט ניט אייער געלד און געזונד. גיט אונז אייער לאונדרי, מיר וואשען פאמיליע וועש.
דעמפ 30 פונט — 75 סענט. ראף טרוקען, 30 פונט, 1 דאלאר. יעדער וואשינג ווערט געוואשען בעזונדער.
291 Arthur St.
Phone: Parkdale 5280 5281

קאנטאר וולאדאווסקי האט געמופט אין 62 בראנזוויק עוועניו.
דער טעלעפאן נומער איז דער זעלבער, וואס עס איז געווען.
דער גרעסטער אנטיסעפטיק
מוהל
און דער מאדערנסטער
מסדר קדושין אין טאראנטא

איז
קאנטאר וולאדאווסקי
רופט מיך און איבערציינט אייך.
קאנטרי לייט קענען מיך אויך אנגאזשירען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.
פיר ארימע אומזאנסט.

טאראנטאר אידען
סייפט 75 סענטס און איין דאלאר יעדע וואך! ביי מאכענדיג אייער לאנדרי ראף דריי; אייערע העמדער און קאללארס לעבען לאנג און זעהען אויס קלאהר און שעהן ווען זיי ווערען אויסגעארבייט ביי עקספערטען אין ד
TABER LAUNDRY WORKS
444-46 Bathurst St.
Phone Col. 5143 8333

סמאווס, ריפערינג, און פוירניסעס — צו ביליגע פרייזען
[illegible] נעז און קוילען רענדזשעס
WESTWOOD BROTHERS
635 St. Queen W. Phone Adel. 1518

די פראזי סטארעדזש און קארטעדזש קא. לימיטעד
הויפט אפיס 255 קאלעדזש סטריט
טעלעפאן: קאל. 386. מיין 5237
סעפאררייט רום סיסטעם פאר האלטען פארניטשור
אויסגעבעטע וועגען, גוטע און אויסערגעוועהנליכע מעגליכקייטען צו מופען אדער סטארינג הויז זאכען און סחורה. עקספערט פעקערס. באגעדזש טשעק די אלע פעקינג מאטיעלס בעזארגט. גוטע בעהאנדלונג און ביליגע פרייזען.

סעפרייט רום סיסטעם.
די וויליאמס
קארטיידזש און סטארידזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 252
דזשענעראל קארטיידזש איידזשענטס
368 ספעדיינע עוו. טאראנט אנט.
באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד צו די ביליגסטע פרייזען. שטוב זאכען געפאקט און געשיפט פון עקספערט לייט.
ווערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט. צוגעדעקטע וועגען. פלעזשור פליעס.
ל. י. רעדפערן.

דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
טעלעפאן קווין [illegible] מיין 979
DR. M. KATES, Dentist
218½ QUEEN ST. WEST
PHONE MAIN 979

ריגען און לע ווערנוא
באררסיסטערס א. א. וו.
מעננינג טשעמבערס רום 112 ערשטער פלאר,, טעלעפאן עדלייד 2436
REGAN & LE VERNOIS
BARRISTERS &C.
Manning Chambers,
Room 112, First Floor
Telephone Adelaide 2436

ווארשעווער אקושארקע
ענע ראמאנאווסקי
233 סימקא סטריט
טעלעפאן ערעלייד 1543.

פיר שמחות
ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט ברענדים וויין אדער ביער, קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמע
דזש. וו. רייען
188 קווין סט. וועסט. פאן מיין 106
א פולער ליין פון כרמל וויין און ברענדי אין סטאק.
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט

הארדוועיר און קאטלערי
דאס בעסטע פלאץ פאר אלע סארטען הארדוועיר, גאז פיקסטשורס, גאז מענטעלס און גלאובס, עלעקטריק פיקסטשורס, פיין שטאהל, קאל־אויל היטערס, גלאז און קיט (פוטטי) פיינטס און ווארנישעס א. ז. וו. ביי
G. H. IBBOTSON
343 באטהורסט סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 6342

ONTARIO LAUNDRY CO. Ltd

זי — מיין לינדזשערי־וועש בעקומט די בעסטע אויפמערזאמקייט.
ער : — יעס און מיינע העמדער און קאלנער בעקומען די שעהנסטע באארבייטונג און אויסקוק וועלכע געפעלט מיר זעהר שטארק.
אנטעריא לאונדרי קא. לימיטעד
97 עדווארד סט. טעל. מיין 4821

די געלעגענהייט פון ניו אנטעריא!
די געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא
ווייסט איהר די פיעלע געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא מיט איהרע מיליאנען פרוכטבארע אקער לאנד אפפערט צו די יעניגע וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויפ'ן לאנד.
ווייסט איהר דאס די זעלבע רייכע אגריקולטור לאנד וועלכעס מען קען דערהאלטען כמעט אין גאנצען פריי אדער פיר א קליינע סומע געלד, פראדוצירען שוין די בעסטע תבואה אין דער וועלט.
פיר ווייטערע אויסקינפטע, פיר ליטעראטור וועלכע בעשרייבט דעם אויבענגענאנטען געגענד שרייבט צו :
ה. א. מעקדאנעלד
דירעקטאר פון קאלאניזאציאן
פארלאמענט בילדונג
טאראנטא אנטעריא

פערלאנגט
פערלאנגט מענער צו לערנען דעם בארבער טרייד. עס פאדערען זיך איינינגע וואכען בלויז. שטעלע גאראנטירט. טולס פריי. שרייבט פאר א קאטאלאג און איינצעלהייטען היינט. מאלער בארבער קאלעדזש 221 קווין איסט, טאראנטא.
The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
67 Elizabeth Street Telephone Main 4582
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO 110

פאר וואס רוסלאנד כאפט מפלות?

ווען די מלחמה איז אויסגעבראכען, האבען אלע געגלויבט, אז ווי רוסלאנד זאל ניט זיין צופוילט, וועט זי דאך מעהר אדער ווינציגער ארויסצייגען א שארפען ווידערשטאנד געגען דער אינוואזיאן פונ'ם שונא.

עס האט אבער ניט גענומען לאנג צו ווארטען, און מען האט זיך איבערצייגט, אז אבוואהל, פון דער צייט פון דער יאפאנעזישער קריעג איז די רוסישע ארמיי רעארגאניזירט און אויסגעבעסערט געווארען, כאפט זי דאך אלץ גרעסערע מפלות, וועלכע שטייגען צעהנפאך איבער די קלעפ, וועלכע זי האט בעקומען פון דער אזיאטישער מלוכה.

רוסלאנד האט עס פערשטאנען, איהר גענעראל שטאב האט עס פערשטאנען. מען האט געמוזט ענגלאנד און פראנקרייך א תירוץ געבען. און עס איז געקומען דער תירוץ וועגען דעם אידישען שפיאנאזש, אז רוסלאנד פערלירט, ווייל די אידען שפיאנירען פאר די דייטשען. מען האט זיך געוואלט ראטעווען פונ'ם פאלקס-צארן, די אונפעהיגקייט פערדעקען, און מען האט זיך בענוצט מיט'ן געוועהנליכען שעיר לעזאזל, מיט'ן „איד". מען האט דאס אידישע פאלק א גיהויש ערקלעהרט, זיי אלס שפיאנען געשטעמפעלט, אום דעם פאלקס-צארן פון דער „סאמאדערזשאוויע" אבצוציהען און נעגען די אלאאירטע מעכטע א תירוץ צו האבען.

אבער ניט אויף תמיד קען מען דעם אמת אונטערדריקען פריהער אדער שפעטער, האט זיך די „וואהרהייט" א וועג געמוזט דורכשלאגען, און זי האט זיך דורכגעשלאגען.

עס איז קלאהר געווארען, אז אמת איז, דאס אין רוסלאנדס מפלות זענען שולדיג די שפיאנען, די פיעלע פעררעטהער, מיט וועלכע די ארמייען איהרע זענען ארומגערינגעלט. אבער די שפיאנען זענען ניט קיינע אידען, נאר די מיאסאיעדאווס און אנדערע מיליטערישע באראנען, וועלכע האבען דאס געדארפט פיהרען די ארמייען צו נצחון.

דער לעצטער וועלכער געהט יעצט אהעקגעזעצט ווערען אויפ'ן געריכטס-באנק פאר שפיאנאזש איז קיין אנדערער ווי דער געוועזענער רוסישער קריעגס-מיניסטער סוכאמלינאוו, און ווי די בעריכטען מעלדען, זענען דא שטארקע דאקומענטען, וועלכע בעווייזען, אז ער איז א שפיאן, און האט בעקומען גוט בעצאהלט פאר טהאן שפיאנאזש ארבייט פאר דייטשלאנד.

יעצט דארפען שוין מעהר קיינע ערקלעהרונגען ניט געמאכט ווערען, פאר וואס רוסלאנד האט געכאפט אזעלכע מיאוסע מפלות אין דיעזער קריעג.

דער פראצעס איבער סוכאמלינאוו'ן וועט ניט נור אויפצייגען די אמת'ע לאגע פון רוסלאנד, וועלכע איז צופוילט פונ'ם העכסטען ביז'ן קלענסטען בעאמטען, נאר זי וועט אויך אבריינינגען דעם אידישען נאמען, פון דעם שמוציגען בלבול, מיט וועלכען די צארישע רעגירונג האט אונז געוואלט בעשמוצען.

מען דארף עס ניט פערנאכלעסיגען

אז די היגע באארד אף העלטה, האט פערבאטען די שוחטים צו שעכטען עופות ביי זיך אין די הויפען דאס דארפען מיר אונזערע לעזער ניט דערצעהלען.

וואס מיר ווילען אבער יא זאגען, איז פאלגענדעס:

דער פרייז פון שחיטת עופות, איז דא תמיד געוועזען דריי סענט. מיט עטליכע וואכען צוריק, איז ענטשטאנען א בעוועגונג צווישען די היגע כלל-טהוער און רבנים, אז מען זאל די שחיטה העכערען מיט צוויי סענט, און דיעזע צוויי סענט, זאלען פערברויכט ווערען פאר די מלחמה קרבנות, אדער פאר די צדקה אנשטאלטען. אום דורכצופיהרען עס אין לעבען, דערצו אבער האט זיך קודם כל געפאדערט די פעראייניגונג פון די שוחטים, אבער דאס האט זיך ארויסגעצייגט פאר אן אוממעגליכקייט. אידישע כלי קודש זענען גאנץ ווייט פון ארגאניזאציע.

וואס אבער דער פרייער ווילען האט ניט געקענט טהאן, האט געטהאן דער געזעץ. דער פערבאט פון דער באארד אף העלטה, האט געטריבען די שוחטים צו פעראייניגונג און זיי האבען זיך פעראייניגט.

מיט'ן פערבאט פון דער באארד אף העלטה, איז אבער אויך געקומען דאס, וואס די פרייזען אויף דער שחיטה זענען געהעכערט געווארען, און אנשטאט דעם, וואס די עקסטרא צוויי סענטיגע וואלטען פריהער געקענט אריינברענגען פינף הונדערט דאלאר א מאנאט אונזערע צדקה אנשטאלטען אדער געהן אלס שטיצע פאר אונזערע אומגליקליכע מלחמה קרבנות, וועט עס געהן יעצט אין פריוואטע קעשענעס.

אמת די שוחטים זענען יעצט געצוואונגען צו צאהלען רענט אינ'ם סט. פעטריקס מארקעט, אבער דאך, ווען דאס זאל ארגאניזירט זיין פון דער אידישער קהלה, וואלטען נאך אלע הוצאות ווי רענט און אנדערע אי"ם גאבען, אלץ געבליבען א היבשע סומע פאר צדקה זאכען.

ווען די היגע אידישע קהלה זאל די שחיטת עופות איבערנעהמען אויף זיך, וואלטען ניט נור די צדקה אנשטאלטען פראפיטירט און די שוחטים גאר נים פערלארען, נאר אויך די אידישע בעפעלקערונג וואלט פיעל פראפיטירט.

די שוחטים האבען בלויז גענומען איין פלאץ, „סט. פעטריק מארקעט". פערשטעהט זיך, אז פאר די אידישע פרויען פון דער וועסט-ענד, אדער פון דער איסט ענד, איז עס זעהר אונבעקוועהם. ווען די אידישע קהלה וואלט עס אבער גענומען אויף זיך, וואלטען גאנץ לייכט געקענט איינגעארדענט ווערען פיער אדער פינף פלעצער אין די פערשידענע שטאט-טהיילען.

אזא פארשלאג איז שוין פון אונזער ווירדיגען הרב גארדאן געמאכט געווארען צו דער צדקה כללית. דער פרעזידענט פון דער לעצטער האט עס אבער צוריקגעוויזען, אנגעבענדיג אלס מאטיוו אז זי קען זיך ניט בעשעפטיגען מיט אזעלכע זאכען.

מיר לעגען דארום פאר די היגע שוהלען און קאנגרעגיישאנס, זיי זאלען פרובירען א קאנפערענץ, וואו דיעזע זאך זאל בעטראכט ווערען, און ווען נאר אזא קאנפערענץ זיך צוזאמענקומען, וועט דאן גאנץ לייכט זיין די זאך דורכצופיהרען אין לעבען, און פראפיטירען דערפון וועלען בלויז די לעדיגע קאסעס פון אונזערע צדקה אנשטאלטען.

עס איז יעצט דא א געלעגענהייט ווי אזוי צו שאפען א זיכערע הכנסה פאר אונזערע צדקה אנשטאלטען. מען טאר דיעזע געלעגענהייט ניט פערנאכלעסיגען.

אונזער הארציגע בעגריסונג

דאס קאנאדער אידישע צייטונגס-פעלד איז פרייטאג בערייכערט געווארען מיט נאך אן אויסגאבע — מיט דער טעגליכער צייטונג „דער וועג", ארויסגעגעבען פון ראובן בריינין אין מאנטרעאל.

אן ערענסטען מאמענט, א וויכטיגען היסטארישען מאמענט לעבט יעצט איבער דאס אידישע פאלק, און צוזאמען מיט'ן גאנצען פאלק האט אויך דאס קאנאדער אידענטהום איהר אייגען ווארט צו זאגען. אן אייגען ווארט. קען דאס פאלק בלויז דורך אן אונפארטייאישער צייטונג אויסדריקען. „דער וועג" פערשפרעכט דאס צו זיין, און דארום שיקען מיר אונזער שוועסטער צייטונג פונ'ם פראווינץ קוויבעק אונזער הארציגסטע בעגריסונג.

אריכת ימים און דעם גרעסטען ערפאלג, שיקט דער „אידישער זשורנאל" צו דער שוועסטער צייטונג, וועלכע פערשפרעכט צו זיין אן אינאבהענגיג פראגרעסיוו נאציאנאלער ארגאן.

די סעלה פון נאטירליכען בלאט
איז פאלשטענדיג אבגעהיט אין דעם פערזיגעלטען
"SALADA"
פעקעל, יונגע און עדעלע בלעטלאך בלויז, געוואקסען אונטער פארזיכטיגקייט און די אראמא אלס הויפט א ן די אראמא אלס הויפט ציעל, ווערטן גענוצט צו פראדוצירען די בעריהמטע סאלאדא בלענדס

די אידישע פראבלעמען אויפ'ן באלקאן

די מלחמה אויף דעם באלקאן וועט ברייינגען מיט זיך ניט נור נייע אידישע צרות, נייע אידישע מאמענטאנע ליידען, נאר זי וועט איבערהויפט נאך א מאל אויפוועקען די, לעצטענס פערשטומטע, אידישע באלקאן-פראגען.

אין דער ערשטער רייהע קומט דער עקאנאמישער שיקזאל פון די באלקאנער אידען. די פאליטישע צעברעקלונג פונ'ם באלקאן האט געהאט א שווערען, א דערדריקענדען איינפלוס אויפ'ן קיום פון די דארטיגע אידען, וועלכע האבען זעהר א גרויסען, אפשר דעם גרעסטען חלק אין דער אויפבויאונג און עקאנאמישער ענטוויקלונג פונ'ם לאנד. דער האנדעל און די אינדוסטריע אין מאקעדאניען איז גענצליך ענטוויקעלט געווארען דורך אידען. די אידען האבען זיך קאנצענטרירט אין איינצעלנע שטעדט, וועלכע זיי האבען טיילוויז געהאלפען אויסבויען — אין סאלאניקי, אדריאנאפאל, דעדעאגאטש, קאוואלא, מאנאסטיר, אוסקיוב, א. ז. וו. — פון דארט האבען זיי געפיהרט א גרויסען האנדעל מיט דעם „הינטערלאנד", וואס איז געווען צווארפען ברייט און ווייט איבער דער האלבאינזעל און האט נעצעהלט מיליאנען טערקען, בולגארען, גריכען, ארנאאוטען, סערבען און רומענער. אלע כחות האבען זיך געצויגען צום נאטורעלען צענטער: אין זידען — צום גרויסען האפען פון סאלאניקי און צו די שכנישע קלענערע האפענס, אין מזרח — צו אדריאנאפאל, און מערב — צו מאנאסטיר. די דאזיגע שטעדט האבען עקאנאמיש און געזעלשאפטליך געבליהט, מיט זיי האבען געבליהט די אידישע געמיינדעס, וועלכע זענען געווען רייך, איינפלוסרייך און ביז צו א הויכען גראד, אין פערגלייך מיט דער ארומיגער בעפעלקערונג, ציוויליזירט און פארטגעשריטען.

די לעצטע באלקאן-מלחמות האבען צו דעם צושטאנד געמאכט א סוף. צערברעקלענדיג דעם באלקאן, מעכאניש אפרייסענדיג גרויסע און קליינע שטעדט פון זייערע „הינטערלענדער", אפציהענדיג ביי זיי די מיליאנען קאנסומענטען, האט די נייע צעטיילונג, וועלכע איז בעפעסטיגט געווארען דורך דעם אבמאך פון בוקארעשט אין 1912, אבגעשניטען ביי אלע גרויסע באלקאנישע שטעדט די קוועלע פון חיונה. די פאליטישע צענטרען האבען זיך געוועקסעלט, זענען אריבערגעטראגען געווארען אין נייע מקומות, די באהן-פערבינדונגען האבען זיך אויסגעמישט, נייע באהן-טאריפען, נייע אקציז אבצאהלונגען האבען איבערגעמישט און איבערגעדרעהט דעם גאנצען עקאנאמישען בוי פון דעם באלקאן, פון זיינע גרויסע שטעדט, צושטערט די ערטער, וועלכע האבען געבליהט, און פארלענגט נייע צענטרען, וואו מען האט זיי גאר נישט געקאנט ערווארטען.

ביי דער גרעסטער האנדעלסשטאדט פונ'ם באלקאן, ביי סאלאניקי, איז אפגענומען געווארען יעדער לעבענס-נערוו — דאס גאנצע מאקעדאנישע הינטערלאנד איז פון סאלאניקי אבגעשניטען געווארען — די שטאדט זויגט פון זיך אליין און שפייזט זיך נאך אביסעל מיט דעם סערבישען אימפארט, וועלכער געהט אהין דורך סאלאניקי, לויט דעם בעקאנטען גריכיש-סערבישען אבמאך, וואס טיילט אויס אין סאלאניקער פארט א ספעציעלען האפען פאר סערבישע בעדערפנישען.

די וועלט מלחמה, ווי עס זאל ניט קלינגען פאראדאקסאל, האט נאך ניט צוגעלאזט, סאלאניקי זאל אין גאנצען אבשטארבען. א דאנק דעם, וואס די דארדאנעלען זענען פערמאכט געווארען, איז סאלאניקי אויף א צייט געווארען דער מיטעל-מעער-האפען ניט נור פאר סערביען, נאר אויך פאר רומעניען, רוסלאנד און אפילו טיילוויז פאר טערקיי. אבער נאך דער איצטיגער מלחמה, אויב עס זאל בלייבען אלץ ווי געוועזען מוז סאלאניקי מיט איהר גרויסער אידישער געמיינדע אהן רחמנות צו גרונד געהן.

פונקט דאס זעלבע איז בנוגע אדריאנאפאל. איצט לעבט נאך די שטאדט ביסלעכוויז פונ'ם טערקישען מיליטער, וואס איז אנגעזאמעלט אויף דער טערקיש-בולגארישער גרעניץ, אבער די שטאדט איז אויך אין גאנצען אבגעריסען פון דעם „הינטערלאנד" און שטעהט פאר א זיכערען חורבן.

די דאזיגע לאגע ווייזט, אז די אונרוהע, וועלכע האט געהערשט אין דער אידישער געזעלשאפטליכער מיינונג פון אייראפא אין דער צייט פונ'ם לעצטען באלקאן-קריעג וועגען שיקזאל פון די באלקאנישע אידען, האט זיך דורך דער צייט נישט אבגעלייקענט, נאר פארקעהרט, זי האט זיך באשטעטיגט און באפעסטיגט דורך דער אביעקטיווער לאגע, וועלכע איז געשאפען געווארען מיט דעם אבמאך פון בוקארעשט.

וואס וועט איצט זיין? אין יאהר 1913 האבען די פאסירונגען אויפ'ן באלקאן ניט געטראפען קיין שום ארגאניזירטע אידישע עפענטליכע מיינונג, וועלכע זאל זיך קענען אננעהמען די קריוודע פון די באלקאנער אידען. ווער ווייסט, אפשר וואלטען מיר גאר ניט געווען אזוי אונמעכטיג, בשעת ס'אין בעשטימט געווארען דאס שיקזאל פון סאלאניקי, פונ'ם באלקאן איבערהויפט, ווען מיר וואלטען געקענט ווירקען ארגאניזירט, געפיהרט פון איין נאציאנאלען ווילען, און פערטיידיגען אונזערע נאציאנאלע אינטערעסען. יעדענפאלס וואלטען מיר ניט איבערגעלאזט אונזערע ברידער אויפ'ן באלקאן צו זייער איינענעם שיקזאל. די גריכישע רעגירונג, צ. ב. ש., האט אויסגעווירקט ביי טערקיי, זי זאל געבען ענטשעדיגונג צו פיעלע גריכען, וועלכע זענען נאך דער מלחמה געצוואונגען געווען אויסצוואנדערען פון טערקיי. די מוסולמאנישע וואנדערען פון טערקיי. די מוסולמאנישע אויסוואנדערער פון מאקעדאניען האבען בעקומען גרויסע שטיצע מצד דער טערקישער רעגירונג, וועלכע האט זיי איינגעזיידעלט אויף פרייעם באדען. אידען זענען רואינירט געווארען, האבען געמוזט נעהמען דעם וואנדער-שטאק אין דער האנד און לויפען כאאטיש, וואוהין די אויגען האבען געטראגען — און פון קיין זייט האבען זיי קיין שום שטיצע נישט געהאט. די באלקאנישע מלוכות — זיי זענען שולדיג געווען אין זייער חורבן, און זיי וואלטען זיי בעדארפט ענטשעדיגען ווען עס זאל געווען זיין אן אויטאריטעטע שטימע, וואס זאל זיך אננעהמען פאר די באלקאנישע אידען. מיר אליין האבען זיי אויך מיט גארנישט געהאלפען. פיעלע האבען זיך געלאזט קיין ארץ ישראל, אבער וואס האט פאר זיי געקאנט טהאן די פערהעלטניסמעסיגע ארעמע ציוניסטישע ארגאניזאציע? ניט ז' איז צוגעפאסט צו העלפען א נויטה, וואס קומט פלוצלונג און מיט א סטיכישער קראפט. און די איבעריגע אידישע ארגאניזאציעס זענען געשטאנען פון ווייטען. די יק"א האט בשעת מעשה געקויפט לאנד אין בראזיליען און געמאכט עקספערימענטען מיט איינצעלנע אידישע משפחות.

איצט שטעהט דער באלקאן נאך אמאל אין פייער, יעדער שטיקעל לאנד שטעהט נאך א מאל אונטער א פראגע-צייכען, עס וועט פיעלייכט איבערגעקוקט ווערען די גאנצע חלוקה פון דעם לעצטען באלקאן-קריעג, וועט זיך געפינען אן עפענטליכע אידישע קראפט, וואס זאל פערטרעטען די אידישע נייטען אויפ'ן באלקאן, זיך שטעלען פאר די אידישע פראבלעמען?

מיר קאנען, זעלבסטפערשטענדליך, אין דער שיקזאלס-בעשטימונג פונ'ם באלקאן פאקטיש קיין שום דעה נישט האבען און גאר נישט אריינזאגען, פונדעסטוועגען איז וויכטיג זיך קלאהר צו מאכען די סיטואציע און די מעגליכע אויסגאבען פון איהר פון אידישען שטאנדפונקט.

אלס אונטערדריקטע נאציאן, וועלכע שטרעבט אליין צו בעפרייאונג, קאנען מיר לאגיש גאר נישט האבען געגען די פערשיעדענע נאציאנאלע אינספיראציאנען פון די קליינע באלקאנער פעלקער. לויט דער איז אבער פאר דער אידישער לאגע אויפ'ן באלקאן די בעסטע לעזונג אין דער פאליטישער גאנצקייט, ניט אין דער צושפליטערונג און צוריסענקייט פון דער באלקאנישער האלב-אינזעל.

דאס האבען מיר ארויסגעזעהן פון דעם אלעם, וואס איז אויבען געזאגט געווען. ווען די פאליטישע צעברעקלונג זאל אבער זיין אונפערמיידליך, איז פאר אידען דער בעסטער שכן — די בולגארען, א מאראלישע געזונד און דעמאקראטיש פאלק, מיט וועלכע די אידען לעבען אין גוטער שכנות און וועלכע קענען און אכטען אויך די נאציאנאל-אידישע בעוועגונג.

די אידען אין בולגאריען זענען פרייע, שטאלצע מענשען, וואס ליידען כמעט ניט פון קיין אנטיסעמיטיזם און ליבען זייער לאנד פונ'ם טיפסטען הארצען, פערבלייבענדיג טרייע אידישע פאלקס-גענאסען.

פיעל ערגער איז די גריכישע הגעמאניע. דער גריך טרייבט אליין מסחר, איז זעהר קארג און אויסגערעכענט, פערדיענט פון זיין ארעמער לאנדווירטשאפט קוים אויף צום לעבען און קאן נישט אויסהאלטען די אידישע קאנקורענץ. אין „נייעם גריכענלאנד" פיהלט זיך שוין אן אנגעשטרענגטקייט און שוועריגקייט אין די בעציהונגען צווישען די אידען און די נייע אנגעקומענע גריכען. די לעצטע פערכאפען מיט דער הילף פון דער רעגירונג די וויכטיגסטע עקאנאמישע צווייגען, וואס זענען ביז איצט געווען אין אידישע הענד: די טאבאק-אינדוסטריע, דעם אימפארט און עקספארט א. ז. וו. די קאנקורענץ איז גוואלדיג.

די אידען פיהלען זיך זעהר געקריינקט און זעהען מיט שרעק, ווי מען רייסט ביי זיי ארויס פון די הענד די פרנסות, וועלכע זיי האבען איינגעפיהרט אין משך פון יאהרהונדערטע.

אבער וואס קאנען זיי טהאן? דער גריכישער עול פרעסט שוין, ווי א שווערע משא, און די לאגע מוז נאך ווערען פיעל ערגער, פיעל געפעהרליכער, ווייל די גריכען בעמיהען זיך אריינצונעהמען אין זייערע הענד יעדע קוועלע פון פרנסה אין די נייע ערובערטע לענדער. זיי טרייסלען ערשט פון זיך אראב דעם קבצן אין די נייע נחלאות און רייסען ארויס פונ'ם אידענס מויל דאס לעצטע שטיקעל ברויט. דער איד ווערט צוריבען און זעהט אונבעהאלפען מיט זיינע אויגען די טראגישע לאגע זיינע, וועלכע ווערט ערגער פון שטונדע צו שטונדע.

ערגער פון אלע זענען די רומענער, וועלכע דולדען דאך בכלל ניט קיין אידען. דער צווייטער באלקאן-קריעג האט געגעבען אין די הענד פון רומעניען א שטיק דאברודזשא און מיט איהר צעהנדליגער טויזענדער אידען. ווער ווייסט, ווי דער נייער קריעג וועט אויפבלאזען פאר

(פארזעצונג אויף פיידוש 5)

א. ריינוויין.

זיסע, זויערע און וויינגע אמת'ן

איך בין זיי מקנא

איך בין זיי מקנא.

איך בין מקנא דאס אמעריקאנער פאלק, איהר יונגווארג, איהרע צייטונגען, און אויך איהר אלטווארג.

אין אייראפא ווילדעוועט דער קריעג, שטעדט פון יאהרהונדערטער וועלכע האבען שוין דורות געזעהען קומען און גענעראציאנען געהן, ווערען פון דער ערדס אויבערפלעכע אבגעווישט, מענשען הויבען זיך ווי פויגעל אין דער לופטען אויף, אום צושטערונגס-ארבייט דורכצופיהרען, און דא איז זיך א פאלק משמח. עס ווערען די אייראפייאישע ידיעות אויפ'ן הינטערגרונד פערשטופט, מאכט א וואארע, א פאלק טריאומפירט: זיין פרעזידענט איז למזל צום צווייטען מאל א חתן געווארען.

און עס מישען זיך זייערע פריעדענס געזאנגען צונויף, מיט די פון די טרעהרען דערשטיקטע שטימען. דארטען בעוויינט אן אלטע מוטער דעם פרי-צייטיגען טויט, פון איהר דערהרג'עטען זוהן, און דא פרעהט זיך א פאלק, ווייל זיין 'ערשטער בירגער', האט א עוזר כנגדו בעקומען.

און זיין צייטונג, די צייטונג פון דעם לוסטיג געשטימטען פאלק. פערשטעהט, אז זי מוז מיט'ן כאר מיטזינגען, אנדערש וועט עס שאדען צום "טיראזש".

"פנו דרך", מאכט פלאץ, דער פרעזידענט איז א חתן געווארען, און עס געהט א בעפעהל, ווענינער מלחמה נייעס, בעסער א גענויע בעשרייבונג, ווי אזוי פרעזידענט ווילסאן מיט מרס. גאלט האבען היינט פערבראכט אין קירכע.

* * *

איך בין זיי מקנא!

איך בין מקנא א פאלק, וועלכעס קען זיך צווישען דעם קאנאנען-שטורם און ביקסען-גערויש בעשעפטיגען זיך מיט דער העכסט וויכטיגער מענשליכער פראבלעמע צו די "פהילים" אדער די "רעד סאקס" וועלען געווינען די "ווארלד סיריס".

און גאט האט געהאלפען, אז באסטאן האט בעקומען די אויבערהאנד, די 'סאקס" זיינען מיט'ן טיטול "משעמפיאנס" אויף א גאנץ יאהר געקרוינט געווארען.

איך בין מקנא די אמעריקאנער צייטונגען, וואו עס ווערען אלע טאגעס-פראגען פערשטויסען און אבגעלעגט, און עס שווימען די עדיטאריעל-שרייבער שרייבענדיג א לויב-געזאנג צו די "סאקס" וועלכע האבען באסטאנס עהרע און כבוד געראטעוועט.

* * *

און עס זיינען פאראן מאמענטען, ווען עס ווילט זיך צוזאמענגיסען מיט דעם פאלק, מיט א פאלק, וואס קען אין מיטען א וועלט פול טרעהרען, זיך פרעהען מיט דעם ווער עס האט די "באל גיים" געוואונען, אדער וואס ער האט א פרעזידענטע בעקומען, און וואשינגטאנער סאסייטי וועט א רעספשאן האבען.

איך בין זיי מקנא!

דייאמאנדס
$1 $2 $3
וועכענטליך
איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דייאמאנד אדער אנדערע דזשועלרי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון רזשייקאב בראדער. דייאמאנדס ווי יעדער איז בעוואוסט ווערט אלע מאל טייערער און עס איז אן אייביגקייט.
מיר געטרויען יעדען ערליכען מענשען. ווארום איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונזער דייאמאנדס מיט די לייכטסטע אבצאהלונגען. ספעציעלער דיסקאונט 10 פראצענט פאר קעש. רזשייקאב בראדערס 15 יאנג סטריט ארקייד.

פארגעסט ניט! פארגעסט ניט!
דינסט. אבענד אקט. 19,
אין ליריק טהעאטער
וואו א
פארשטעלונג
וועט געגעבען ווערען ביי די
-בנאטה ציון גוירלס-
צום גונסטען די פאלעסטינער מלחמה ליידענדע
טיקעטס 15, 25 און 35 סענט

מיר פארקויפען גאראנטירטע
מענער העטס
$1.75
לעצטע סטיילס
ווערטע פארקויפט אנדערשוואו ביז $2.50
— לימיטעד —
באקהאם
264 יאנג סטריט
BUCKHAM Limited, 264 Yonge St.

$500
מאכט איהר פאר'ן אייגענטהימער פון דיעזע פיינעס 8 רומיגע הויז.
קויפט דירעקט פון אייגענטהימער - - שפארט דעם קאממישאן פון אגענט.
געפינט זיך אויף הענרי סטריט, נעבען קאללעדזש, דיעזע פראכטפאללע היים איז באקוועם צו סטריט קארס און עס געפינט זיך אינערהאלב א געה—שטח פון צענטער פון שטאט. — גרויסארטיג פעררוכט דורכאויס און פערזארגט מיט דראט פאר עלעקטרישער בעלייכטונג.—
עס איז ווערטה $5.000—עס ווערט אבער איצט געאפפערט צום שנעללען פערקויף פאר — — — — — $4.300
(אדער פאר $4.100 אויב איהר ווענדעט זיך דירעקט צום אייגענטהימער, דורך וואס איהר שפארט דעם קאמישאן צום אגענט.)—
$500.00 קעש - - מארטגיידזש פאר'ן באלאנס ארראנזשירט.
—ווענדעט זיך צום אייגענטהימער—
C. T. SOLOMON, - Cor. YONGE & ALBERT STS.
Nordheimer Building. - - Telephone Main 6597

מורא'דיגע נפשה

— פון קאטול מענדעס.
(שלום)

— נידערטרעכטיגסטע! דיין צוריקציהונג האט כלומרש'ט געמאכט דעם איינדרוק פון א מורא, וועלכע דו האסט ניט געפיהלט; די געשיקטקייט, מיט וועלכער דיין קערפער האט מיך אויסגעווייכט און דיין האנד מיך אבגעשטופט, האט אויף אן אונבעשטרייטבארען אופן געצייגט, אז דו ביזט פאלקאם בעקאנט מיט אלעם דעם, וואו דו האסט כלומרש'ט געמאכט דעם אנשטאל ניט צו וויסען און אין דערזעלבער צייט זיך צו שרעקען דערפאר. כלומרש'ט א מלאך, האסטו דו ארויסגעצייגט דעם ווידערשטאנד פון א גאסען-פרוי, וועלכע איז גראד ניט אין קיין לוסטיגער שטימונג. און פארוואס ווייל עס איז נויטיג געווען, אז די פערבלענדערדע היץ פון מיין פערלאנג זאל צונעהמען ביי מיר די מעגליכקייט צו דערגעהן, אז דיין שעהמעדיגקייט איז שוין לאנג בייגעקומען געווארען דורך דער דרייסטקייט פון וואס פאר עס איז פויער ערגצוואו אין א היי-שייער, אז דער ערשטער זיעג. די פאדערונג און די האפנונג פון דעם ליעבענדען נור וואס פערהייראטען מאן איז ניט געהאלטען געווארען פאר מיר!

— ס'איז א ליגען! א ליגען! — האט זי געשריען, איינגראבענדיג פאר פערצווייפלונג די פינגער-נעגעל אין דער הויט פון איהר שארבען. — אבער אויב דו האסט דאס געגלויבט אויף מיר, פארוואס האסט דו מיך ניט ארויסגעיאגט פון דיין בעט?

— אה, — האט ער געזאגט, — ד ביזט געווען אזוי שעהן!

און ער האט זי נאך אלץ ניט אבגעלאזט.

— דו זאלסט אלעם וויסען, אלעס — האט ער ווייטער געזאגט, — הא, ווי בין איך זיך דאס נוקם אן דיר, דו שטאלצע ליגנערין! קיינמאל, קיינמאל, דו הערסט? קיינמאל האט זיך דיר ניט איינגעגעבען צו געווינען מיין גלויבען אין דיינע אומגעלומפערטע היפאקריטישע שטיק. דריי טעג נאך אונזער חתונה האט מיין בעסטער פריינד אונטער'ן טיש צוגעדריקט דיין פוס צווישען זיינע פיס, אין דער קאלטקייט פון דיין שמייכעל, אין דער גלייכגילטיגקייט פון דיינע ווערטער ביזט דו זיכער געווען אז איך בין גארנישט חושד, אז איך האב קיין שום אתנוגג ניט פון דעם וואס קומט פאר. נארישע, נארישע פרוי! איך האב געוואוסט, אז ער האט געהאלטען דיין פוס צווישען זיינע פיס, איך האב זאגאר גענוי געכאפט דעם אויגענבליק, ווען ער האט, זיך כלומרש'ט אנבויגענדיג אויפצוהויבען זיין סערוויעטקע פון אונטער'ן טיש, מיט א דרייסטער האנד געוואגט ארויפצושטעלען דיין פוס אויף זיינעם. דו האסט געלאכט, דו האסט בעטראכט די פערטעל הוהן אויף דיין טעלער; אבער איך האב געוואוסט, אז די היץ פון דעם פערלאנג איז דיר ארויף פון קניע צום בויך, פון בויך צום הארץ און פון הארץ צו דיינע פייכטע ליפען. אלעס וואס דו האסט געפרובט און מיט ערפאלג געפרובט צו טהאן געגען מיין ליעבע, געגען מיין עהרע, האב איך אימער געוואוסט. ווען דו פלעגסט זומער-צייט כלומרש'ט פאהרען צו דיין מוטער קיין נאזשען, האב איך געוואוסט, אז דו ביזט ניט אהין געפאהרען, ווען דו פלעגסט כלומרש'ט געהן אין די מאגאזינען פון לאוווער, האב איך געוואוסט אז דו ביזט ניט אהין געגאנגען. ווען דו ביזט כלומרשט געגאנגען צו דיין שניידערין אדער אין א מארגען קאנצערט האב איך געוואוסט אז דו ביסט ניט אהין געגאנגען. מיין גאט, דיינע ליגענס האבען אזוי געשטאכען די אויגען, ארעמע פרוי! דאן, איין טאג — קענסט דו זיך דערמאהנען אן דעם? — גליקליך מיט דיינע געוועהנליכע כלומר'שטע זיעגע, האסט דו בעשלאסען מיר צו פעראורזאכען נאך א גרעסערע בעליידיגונג, ווי ביז דאן. צניעות'דיג און שעהן, ווי כלה-וויין, ביזט דו צוגעקומען צו מיר און געזאגט, אז דו האסט געוויסענביסע צוליעב איינער פון מיינע צו ליידענשאפטליכע אומארמונגען, פון וועלכער דו האסט זיך ניט אויסגעדרעהט, און דו האסט דערום געוואלט געהן אין א קירכע זיך מתודה זיין פאר'ן גלח, כדי צו קריגען א תשובה דערפאר. אבער אזוי ווי איך בין ניט געווען אבוועזענד ביי דער זינד, דארף איך אויך ניט זיין אבוועזענד ביי דער תשובה, דו האסט אלזא געבעטען, איך זאל דיך בעגלייטען צו דער יוסטאך קירכע; דו האסט ניט פערלאנגט, איך זאל ארייגעהן אינעווייניג אין דער קירכע, ווייל דו ווייסט, אז איך בין ניט פרום, אבער איך זאל דיך אבווארטען אין אונזער קארעטע ביי דער קירכע. דו וועסט נאך דער ווידוי צוריקקומען צו מיר אין דער קארעטע. „גוט." האב איך געזאגט. און איך האב דיך אבגעווארט ביי דער יוסטאך קירכע, אויף דער זייט פון די „האללען", און איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז די קירכע האט נאך אן ארויסגאנג אויף „ריע מאנמארטר" און אז ביי יענעם צווייטען ארויסגאנג ערווארט דיך מאסיע ד'ארזשעלעס אין א וואגען. און אז דו ביזט אין שטונדע ארום צוריק ארייגעקומען צו מיר, מיט צושויבערטע האר און מיט א צוקארטשעטע קליידעל — צושויבערט און צוקארטשעט דורך א סצענע וואס האט זיך אבגעשפיעלט דארט אין וואגען הינטער ארא בגעלאזטע פארהענגלעך, — האב איך קיין סעקונדע נימ איבערגעטראכט און בין כלומר'שט געווען איבערצייגט, אז די אינערליכע הייסע פרומקייט דיינע האט דאס דיר געבראכט אין דיזען צושטאנד פון א גאסען-פרוי. פערשטעהט זיך, איך וואלט דיך געדארפט הונדערט מאל פעריאגען פון זיך, הונדערט מאל טויטען, אבער דאן וואלט איך דיך פערלארען, און ניט קוקענדיג דערויף וואס איך בין אויסגעלאכט, בעשימפפט — אבער ניט גענארט — געווארען, האב איך דיך נאך אלץ געוואלט האבען ביי זיך. און ווייל עס איז מיר אונמעגליך געווען זיך פון דיר צו בעפרייען, האב איך דיך געלאזט אין דער איינבילדונג פון דיינע טריאומפירענדע ליגענס. נאר היינט, ווען דער טויט שטעהט מיר פאר די אויגען, היינט בין איך זיך אויף א מורא'דיגען אופן נוקם פאר דיינע פאלשקייטען, דערמיט וואס איך זאג דיר אויס, אז זיי זיינען געווען פוסט, אומזיסט, אז זיי האבען מיך ניט גענארט, אז איך האב בלויז אין מיינע אייגענע אינטערעסען זיך געמאכט ניט וויסענדיג און ניט זעהענדיג. אה, ארעמע פרוי! צו דיין שטראף זאלסט דו ענטטוישט ווערען אין דיין ערנידריגטען שטאלץ — ווארום אלס פרוי לעגסט דו דאך מעהר ווערטה אויף דער גרויסקייט פון דיינע ביטרע קונץ-שטיק, איידער אויף די פריידען וואס זיי פערשאפען דיר — זיי וויסען, אז איך האב זיך איבער דיר איינפאך לוסטיג געמאכט.

דא האט זי א קריץ געטהאן מיט די ציינער; און ווילד, מיט'ן שוים פון האס און צארן אויף די ליפען, האט זי געזאגט:

— ניין, ניין, דו ווייסט ניט אלצדינג! ניט אלעס האסט דו געטראפען אדער דערטאפט, פאראן איין זאך, וואס דו האסט ניט געוואוסט און וואס דו ווייסט נאך איצט ניט.

— וועלכע?

זי האט זיך אויפגעהויבען און מיט א גרויזאמער מינע געזאגט:

— אצונד הער דו וואס איך האב צו זאגען!

און נאכהער ווי זי האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און זיך איבערצייגט, אז טיהר און פענסטער זיינען פערשלאסען האט זי זיך אנגעבויגען צו זיין קאפ-קישען און שטיל, מיט א שעפטשענדען טאן געזאגט:

— דו דענקסט און אויך דיין דאקטאר, דער טפוש, דענקט, אז דו שטארבסט פון א גע'ירש'ענטען לעבער-פעהלער. ניין, ניין, דו שטארבסט, ווייל...

— ווייל דו האסט מיך פערגיפטעט! איך ווייס עס! איך ווייס עס! — האט דער גוסס געבארכעלט. — דו האסט מיך פערגיפטעט מי טארספעניק, כדי צו הייראטהען מיט מאסיע ד'ארזשעלעס, וועלכער איז רייכער ווי איך, וועמען דו וועסט פונקט אזוי אבנארען ווי מיר, און וועלכער וועט זיך אויך מאכען ווי ער זעהט עס ניט, ווייל ער האט דיך ליעב. יא, יא, פערגיפטעט. זינט דריי טעג האב איך זעהר גוט בעמערקט, ווי דו האסט געלויערט איבער מיין שלאף, כדי זיך צו קענען פער'גנב'ענען צו מיינע רפואות. און אט דא פריהער, ווי דו ביזט נור אריין אין צימער, האסט אריינגעטהאן א ווייסען פראשיק אין מיין מארפין-טרונק, וואס זאל לינדערען מיינע לעצטע יסורים איך וואלט עס געקענט מעלדען דער פאליציי, אבער דערמיט וואלט איך גערויבט די עהרע פון די קינדער וועלכע האבען פון מיר געקריגען דעם נאמען — אויב ניט דאס לעבען! איך האב א גענוגענדע נקמה, דערמיט וואס דו ווייסט, אז קיין איינס פון דיינע פערברעכענס איז פאר מיר ניט געבליעבען פערהויהוט....

ער איז אריינגעפאלען אין א צושטאנד פון גסיסה און איז באלד נאכדעם געשטארבען, אזוי צופריעדען ווי מען קען נור זיין אונטער אזעלכע אומשטענדען.

3.

שוין א יאהר צייט, אז זי איז אן אלמנה. זי איז טרויעריג, זאגט זיך אב פון יעדער צושטרייאונג און בלייבט פערזונקען אין א פערצווייפעלטער מרה שחורה. די אויגען בעוואונדערען אין איהר די אונאויפהערליכע פערצווייפלונג פון דער געטרייער, איבערגעבענער פרוי; אנדערע, וועלכע זיינען אביסעל סקעפטישער, נעהמען אן, אז איהר מאן, דער רשע, האט אין דער לעצטער מינוט זי בערויבט פון דער געהאפטער ירושה. אלע האבען א טעות. זי בעדויערט ניט דעם פערשטארבענעם, און זי האט געיירש'ענט א היבשען פערמעגען. אויב זי ליידעט, אויב ס'איז איהר בעשערט נאך מעהר צו ליידען, גרויזאם, מורא'דיג צו ליידען, איז עס דערפאר, ווייל זי ווייסט, אז זי האט איהר פערשטארבענעם מאן קיינמאל ניט אבגענארט!

אויף מיין רייזע

— פון —

אב. גאלדבערג

מאלע וואס מענשען גיבען זיך ניט אב קיין חשבון. דער מענש טרעט אויף וואונדער און זעהט זיי ניט. אויף דאס נידריגע גראז, כביכול'ס שריפט אויף דער ערד, רעדט מיט קלארע דבורים וועגען וועלט-וואונדער. די הימלען דערצעהלען גאט'ס כבוד, וויל דער פסאלמיסט. די הימלען דוקא. אבער צו מוז מען דען דעם קאפ צו די הימלען שטרעקען כדי פון דארט צו פערנעהמען זיין גרויסקייט? גערעכטער איז די שבח-בעהויפטונג: פון אויף דער גאנצער וועלט איז זיין הערליכקייט, זיין כבוד... נאר ווען דער מענש איז בלינד זעהט ער אויף ניט דעם גרעסטען וואונדער, שווייגט די ערד, איז שטום דער הימעל. וואונדער ווערט אבער ניט אוים וואונדער.

און נעהמט מען אויף דעם מח דעם פרק: „אידען אין אמעריקא" איז דאס א גאנצע וואונדערקייט: גלות שפאניען און פארטוגאל און די ענטדעקונג פון אמעריקא. מיט א ביוון אדער אהן א ביוון, די ביידע פאסירונגען ווערען ווי א צווילינג געבארען פון דער מוטער געשיכטע אין איין צייט... קאלומבוס, וועמענס אבשטאם עס איז געבליבען פערהוילען עד היום הזה, יא א איד, נישט א איד, סיי ווי סיי, א מין למד וואו'ניק, פערטיעפט זיך אין דער ביבעל און געפינט שטעלען וועגען א נייער וועלט וואס דארף ענטדעקט ווערען לעתיד לבוא און ער דערהערט אין זיין הארצען א שטימע: געה און ענטדעק, דו ביזט דערצו בערופען. און ער געהט און ענטדעקט...

און אויף איין אנדער וועלט-טהייל קומען פאר רעליגיעזע קאנוואולסיען, נאך הונדערטער יאהרען פון מקור-דערווייטערונג פאלען מענשען צו, ווי אין דער זאמדיגער מדבר וואנדרענד, צו א פרישען קוואל וואסער — צו דער ביבעל. מענשען ווערען אונרוהיג, עס הויבט זיך אן א קאמף, וועלכער פיהרט צו אויסוואנדערונג. די נייע וועלט בעקומט די אויסוואנדערער: עס הויבט זיך אן א פיבערישע טהעטיגקייט. פאלק נאך פאלק שיקט אהער זיינע מחנות. עס הויבט זיך אן א קולטור קאמפף, א פערמעסטעניש פון קרעפטען. עס בעגעגענט זיך בלוט מיט בלוט, עס ווערט אויפגעבויט א מין „מערת-המכפלה", דער יסוד בלייבט אבער די פרייהייט וואס די ערשטע גרויסע וואנדערער האבען פון דער ביבעל אויסגעלערענט.

און יאהרען געהען אוועק, אויף די וואסערן וואס זיינען פאר דער צייט אין אוקינוס אנגעלאפען האבען די שיפען, וואס האבען זיך אויף זיי געטראפען, געפיהרט זעהר ווייניג קינדער פון דעם פאלק, צו גרויסען טהייל דער גורם פון דער ענטדעקונג פון דער נייער וועלט. נאר ערשט לעצטענס הויבט זיך אן אונזער און שוין דריי מיליאן, מיט איין קלאפ. דריי מיליאן פרייע מענשען.

און איך פאהר אויף דעם צוג, פאהר פון א גרויסען אידישען צענטער אין די שטאאטען צו אן אנדער אידישען צענטער אין קענעדע, אמעריקא אויף נוסח בריטאניא, רעדען וועגען ציוניזם, וועגען דער ענטגילטיגער גאולה, וועגען וועלכער עס האט גערעדט די נבואה, די זעלבע נבואה וואס האט בעגייסטערט קאלומבוס'ען און געפיהרט צו דער גרעסטער וועלט-פאסירונג — א מאדנע חד-גדיא.

און נאך אמאל חזר'ט זיך מיר איבער די פראגע: איז עס דאס לעצטע רינגעלע אין דער קייט? שטעהען מיר אויף דער שוועל פון דער גאולה שלמה? אונמעגליך, זאגען אנדערע. „אונמעגליך" שטעה אויף, דו קאלומבוס, און זאג עדות וואס דו ביזט אויסגעשטאנען פון די „אונמעגליכיסטען", רוף זיך אפ, אמעריקא, ערשט נעכטען ביזט אויך דו געווען אונמעגליך, ביזט גאר אינגאנצען במציאות ניט געווען, האסט געלעבט בלויז אין א ווינקעל פון א מענשענס פאנטאזיע און היינט ביזטו דער האפנונגס פלאץ פון מיליאנען און מיליאנען געפייניגטע מענשען-קינדער. שווייג אויך ניט, דו צוג, דערצעהל מיט דיין איינטאניגער שטימע וויפיעל געלעכטער-כוואליעס עם זיינען אויף דעם קאפ פון דיין ערפינדער איבערגעגאנגען, ער האט זיך אונטערגעטונקט אין יעדער כוואליע און דאך געטהאן דאס זייניגע. און היינט ביזטו מקרב די ווייטע, בריינגסט ברויט צו הונגעריגע און גליק צו פערשטויסענע, האסט געמאכט א סוף צו דער פערשטעלונג וועגען דער ענדלאזער ערד. היינט קענען מיר די הרי חושך און מיר ווייסען וואו יענער זייט סמבטיון איז. די גאנצע וועלט איז יעצט דעם מענשען'ס שטוב און אלקער, וואו איז ער — איז די שטוב, וואו ער איז ניט — איז דער אלקער.

ווארום זשע איז קפיצת-הדרך, דערנעהנטערען די ווייטקייט יא מעגליך און מקבר זיין דעם קץ ניט? וואס עס איז געווען אונמעגליך — נעכטען, איז מעגליך — היינט...

וויל איך ווייטער ציהען דעם מחשבה-פאדעם, קומט אריין א יונגער מאן, מזרע היהודים, זעצט זיך צו נעבען מיר, האקט מיר איבער און פערציהט א שמועס:

ריעל-עסטייט איז געפאלען אין זיין שטאדט. אין צייט פון „בום", האט ער מיטגעקלאפט מיט די טאצען, האט עס אבער אנגעהויבען געהען מיט דער פוטער אראפ, האט ער פערשנורעוועט די שיך און פאהרט אין קענעדע: משנה מקום... אבער וואס בין איך אזוי פערטראכט? און וואהין פאהרט א איד? וויל דער יונגער מאן וויסען.

— וואהין זאל מען פאהרען? וואס איז די נפקה-מינה דער וואס איז אין קענעדע פאהרט זוכען גליק אין די סטייטס און די פון די סטייטס פאהרען זוכען גליק אין קענעדע. פאר א אידען איז באלד דאס זעלבע וואהין מען פאהרט, דער עיקר איז דאס פאהרען, דאס לויפעניש. היינט האלטען מיר אמעריקא, ס'הייסט פעראייניגטע שטאאטען און קענעדע — אמעריקא איז אבער ברייט, ווארום אויך ניט מעקסיקא? ס'איז קריעג איצט, וועט זיך עס בערוהיגען. ווארום ניט מאדוראס, סען דיעגא גוטאמאליע און די אנדערע לענדער, וואס זיינען אויסגערעכנעט אין זאנגווילס בלויען בוך און וואס זיינען ניט אויסגערעכנעט. היינט ווארום ניט יאפאן. טאקי ווארום ניט יאפאן? יאפאן איז דאך א לאנד און אין גאנצען א תחום שבת פון אמעריקא. אריינגעפאהרען אין די פיליפינען-אינזלען און פון דארט גלייך קיין יאפאן. איך פרעג ווארום ניט?

דער יונגערמאן קוקט מיך אן צומישט, שטאמעלט ארוים א פאר ווערטער: וואס טהוט א איד?

— וואס זאל איך טהאן? איך בין בעשעפטיגט אין א גרויסען „ריעל-עסטייט-סקים", עהרענווארט, ווי איך בין א איד. עס האנדעלט זיך אבער ניט וועגען קויפען און פערקויפען, וועגען סחר-מכר, נור קויפען פאר זיך לצמיתות. יא, פאר זיך. גענומען האבען מיר זיך צו דעם ווייל מיר האבען אויסגעפונען אז אהן דעם „געהט עס מיט דער פוטער אראפ", אפילו ווען עס דוכט זיך, אז „מען קלאפט מיט די טאצען". איהר פערשטעהט יא, יא, ווארום גלויבט איהר ניט? ווארום ציהט איהר מיט די אקסעל: ריעל-עסטייט, ביי אייך איז דער „בום" געפאלען, ביי אונז הויבט זיך ערשט אן דער „בום". אין גיכען וועלען מיר קריגען גאנצע שטיקער בארען — ממש א גאנץ לאנד, איהר וועט זעהן.

פויזע.

(פארטזעצונג פאלגט.)

לופט פליהער אין דער מלחמה

די ראלע וואס זיי שפיעלען און די איבערקעהרעניש וואס זיי האבען אנגעמאכט אין דער קריעגס וויסענשאפט.

פיעלע זאכען האבען אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאמקייט אין דער איצטיגער מלחמה אין אייראפא. פון די אלע זאכען האבען די סובמארינס ארויסגעוויעזען צו זיין די אינטערעסאנטעסטע. אויך די גרויסע 42 סענטימעטערדיגע קאנאנען מיט וועלכע די דייטשען האבען ביז איצט צושמעטערט די שטארקסטע פעסטונגען זיינען פאר א צייט לאנג געווען אויף יעדענס צונג. אבער די אייראפליינען זיינען אמווענִיגסטען בעמערקט געווארען אין די בעשרייבונגען פון דער מלחמה און זיי זיינען כמעט גענצליך איגנארירט געווארען.

אבער די עראפליינען זיינען דאך די אויגען פון דער ארטילעריע. די היינטיגע ארטילעריע, דאס הייסט, די קאנאנען שיסען זיינען אזוי ווייט אז מען וואלט דעם פלאץ ווי די שראפנעלען פאלען נישט געקענט זעהן מיט'ן מענשליכען אויג. היינט פרעגט זיך ווי אזוי ווייסט מען דארט אהין צו שיקען און וועמען מען וועט דארטען טרעפען, און אויב מען וועט דארט גאר טרעפען אין ריכטיגען ציעל.

דער ענטפער דארויף איז דער אייראפליין. דיעזע פליה מאשינען אויף דיא שלאכטפעלדער צעהלען אין די טויזענדער און דאס איז געווארען כמעט דער וויכטיגסטער אינסטרומענט פון פיהרען א מלחמה, און מאנכע סטראטעגיקער ערקלעהרען זאגאר, אז די גרויסע מפלות וואס די רוסישע ארמעע האט געכאפט איז געווען צוליעב מאנגעל, נישט אין שראפנעלען און קוילען, ווי מאנכע בעהויפטען, נאר אין איהר נישט גענוגענדער צאהל פון לופט שיפען און געניטע לופט פליהערס.

די אייראפליינען ווערען כסדר בענוצט אויף אויסצוגעפינען די ריכטיגע פאזיציעס פון שונא און ווי שטארק דעם פאזיציעס זיינען, וויפיעל סאלדאטען ער האט דארט אוועקגעשטעלט און אויך וועלכע פאזיציעס זיינען שוואכער בעפעסטיגט. דער לופט פליהער איז אויך געלערענט אין אבמעסטען דעם גענויען שטח צווישען זיין ארמעע און די פיינדליכע, און ער ברענגט צוריק צו די קאמאנדירען א מאפע אנגעצייגט גענוי ווי ווייט דער שונא געפינט זיך און וואס עס קומט פאר אין שונא'ס לאגער מיילען אוועק אונטער די ערשטע פראנט ליניעס.

געשטיצט אויף דיעזע אינפארמאציאנען עפענען דערנאך די קאנאנען זייערע פייער-שפייענדע מיילער און שיטען מיט זייערע גרויסע שראפנעלען און טרעפען אין ציעל. דער אייראפליין שוועבט ארום אין דער זעלבער צייט איבער דעם שונא'ס פאזיציעס און שטודירט דעם עפעקט פון דער באמבארדירונג.

איהר קענט אייך משער זיין, אז א לופט פליהער קען נישט זיין קיין גראבער יונג און מוז פערשטעהן אן עסק. ער מוז זיין מעהר וועניגער געבילדעט און פערשטעהן אויף זיינע ביזנעס וואס מען גיט איהם איבער אויף דורכצופיהרען. דאריבער איז צו גלויבען אז רוסלאנד האט ניט געהאט גענוג גוטע עראפליינען און אוודאי וועניג געלערנטע לופט פליהער וואס זאלען קענען זייער אויפגאבע ריכטיג, און דער סוף איז געווען די ריעזיגע ניעדערלאגע פון דרע גרעסטער ארמעע אין דער וועלט.

דיזען סך הכל נעהמען מיר ארוים פון דיא בעריכטען וואס דער ערא-קלאב (לופט פליהערס פערבאנד) פון אמעריקא האט בעקומען פון אייראפא. דיא בעריכטען ענטהאלטען פאקטען וואס בעווייזען גענוי, ווי אזוי עס איז מעגליך געווען פאר דער עסטרייכיש דייטשער ארמעע בייצוקומען די ריעזיגע רוסישע ארמעע וואס איז [illegible] פיעל מאל גרעסער אין צאהל ווי די ערשטע. דער סוד פון דער עסטרייכיש דייטשער ארמעע ליגט אין איהר גוט ארגאניזירטער לופט פלאטע און די גוט געשוהלטע לופט פליהערס.

הענרי וואודהויז, דער פארזיצענדער פון די לופט פליהער קלובען אין איליינאיז און פאלעסטינא און טשערמאן פון די אמעריקאן סאסייעטי אף עראנאטיק אינזשיניערס גיט איבער פאלגענדע געזאמעלטע פאקטען וועגען דעם נצחון פון די דייטשען געגען דער רוסישער ארמעע.

1) די רוסישע קאמאנדירען האבען נישט פערשטאנען דיא וויכטיגקייט פון עראפלאנען אין דער מלחמה און זיי האבען זיך מיט זיי נישט בענוצט וויפיעל מען האט בעדארפט, און אויך נישט געשטערט די דייטשע לופט פליהערס צו נעהמען פאטאגראפיעס פון די רוסישע קרעפטען.

2) די רוסישע קאמאנדירען האבען נישט געענדערט זייערע פאזיציעס, נאכדעם ווי די דייטשע האבען שוין זיך גוט בעקאנט מיט זיי פון דער לופטען.

3) די קליינע צאהל פון רוסישע לופט פליהערס און זייער נישט געניטקייט אין מאכען בעאבאכטונגען און זיי האבען אויך נישט געהאט גענוג גוט געלערנטע לופט פליהערס וועלכע זאלען קענען אנווייזען גענוי צו דער רוסישער ארטילעריע וואו צו שיסען.

4) דאס ביסעל רוסישע לופט פליהערס וואס האבען שוין יא געקענט עפעס אויפטהאן, האבען נישט געהאט גענוג גוטע לופט שיפען.

אין אנפאנג מלחמה האט רוסלאנד פערמאגט 800 עראפלאנען און קוים פיער הונדערט לופט פליהערס וועלכע האבען נאר געקענט פליהען אבער האבען נישט געוואוסט קיין זאך וועגען פליהען און מאכען בעאבאכטונגען אין מלחמה צייט. דייטשלאנד דאגעגען האט געהאט טויזענד עראפלאנען און טויזענד לופט פליהערס וועלכע זיינען געווען גוט שטודירט אין הלכות מלחמה.

א צווייטע צרה מיט די רוסישע לופט שיפען איז וואס זיי זיינען געווען ניט פון איין סארט נאר פערשיעדענע מינים, און יעדער לופט פליהער האט נאר געקענט פליהען מיט א געוויסען סארט מאשין. קוים האט זיך זיין מאשין צובראכען האט ער קיין אנדערע סארט מאשין נישט געקענט בענוצען. דאן זיינען דיא רוסישע פליה מאשינען זעהר סלאו אין פליהען און די דייטשע קאנאנען האבען זיי איינציגווייז ארונטערגעשאסען אהן שום שוועריגקייטען.

נישט אזוי אבער געהט עס צו מיט די דייטשע לופט מאשינען. ערשטענס איז יעדער דייטשער לופט פליהער פערזארגט מיט פיער פליה מאשינען, וועלכע זיינען שטענדיג געווען פארטיג צום פליהען. די רוסישע לופט פליהערס זיינען נאר צייטענווייז ארויסגעפליגען אויף בעאבאכטונגען, וועהרענד די דייטשע לופט פליהער זיינען טאג איין, טאג אויס, ארומגעפלויגען איבער די רוסישע ליניעס און געווען בעסער בעקאנט מיט דער רוסישער ארמעעס שטעלונג ווי מאנכע פון איהרע אפיצערען.

צוליעב די גוטע בעאבאכטונגען פון דער לופטען איז דער דייטש-עסטרייכישער ארמעע געלונגען דורכצוברעכען די רוסישע ליניעס לעצטענס מאי צווישען טארנאוו און גארליץ אין מערב גאליציען, און יענע ענטשיידונגס שלאכט האט דאס געבראכט די רוסישע ארמעע צו איהר איצטיגען צושטאנד. די פארבערייטונגען צו צוברעכען די רוסישע ליניע ביי גארליץ און טארנאוו זיינען געמאכט געווארען אויף א זעהר קלוגען אופן, און נישט די רוסישע לופט פליהערס און נישט די רוסישע פארפאסטען האבען דערפון אנגעהויבען עפעס צו וויסען.

די דייטשע און עסטרייכישע קאמאנדירען דאגעגען האבען גוט געקענט דיא רוסישע שלאכט ליניע און האבען דורך זייערע לופט פליהערס גענוי געוואוסט ווי אזוי און אויף וועלכע ערטער דיא רוסישע שטרייט קרעפטען זיינען איינגעטהיילט. א גאנצען ווינטער האבען דיא רוסען זיך בעפעסטיגט אויף דער גארליץ-טארנאוו ליניע און געדענקט אז די פאזיציע איז די שטארקסטע אין דער וועלט. די דייטשע לופט פליהערס זיינען א גאנצען ווינטער ארומגעפלויגען איבער די רוסישע קעפ און בעמערקט אלע איינצעלהייטען פון די רוסישע בעפעסטונגען, וועהרענד די רוסען האבען דיא דייטשע לופט שפיאנען ניט גענומען ערנסט און זיך געשלאגען געשמאק אין די בעפעסטיגטע נארעס.

דער דייטשער גענעראל שטאב, האט אלזא געהאט פערהעלטניסמעסיג א גאנץ לייכטע ארבייט, ווייל זיי האבען דאך געקענט די רוסישע ליניע מיט אלע איינצעלהייטען, און ווען דער ערשטער מאי איז געקומען איז די רוסישע ליניע צושפרונגען געווארען אויף פיצלאך. הונדערטער טויזענדער פון זיי זיינען אריינגעפאלען אין פלען, נאך אמאל אזוי פיעל זיינען אויסגעהרגעט און געקאליעטשעט געווארען און מיט דער איבערבלייבעניש פון דער קאצאפישער ארמעע האט עס אין דריי מאנאטען צייט א שליידער געטהאן צוריק ביז אין טיעף רוסלאנד וואו זי קלויבט זיך איצט די ביינער.

בן אדם.
(שיקאגא קוריער)

GILLETT'S
LYE
GILLETT'S
LYE
E.W. GILLETT COMPANY LIMITED
TORONTO ONT.

(פארטזעצונג פון פיידוש 4)

רומעניען! יעדע פערשטארקונג פון דעם דמים-לאנד וועט זיין א שווערען דרוק פאר אונזער ליידענד פאלק. ניט נור אין די רומענישע לענדער זעלבסט שטעהט אין געפאהר דער איד, נאר מיט יעדער פערשטארקונג פון רומעניענס איינפלוס אויפ'ן באלקאן, ווערט געשטעלט אין סכנה דער מצב פון אידען בכלל. א פערשטארקעטעס רומעניען שליעסט אוים יעדע מעגליכקייט פון אינטערנאציאנאלען איינפלוס אויף דער אונערטרעגליכער לאגע פון די אידען אין דעם בלוטיגען לאנד.

מיט די דאזיגע לענדער ענדיגט זיך נאך ניט דאס אידישע פראבלעם אויף דעם באלקאן. סערביען האט אויך זיין אידען-פראגע. אין אן אומגליקליכען פאר עסטרייך-אונגארן קריעגס-אויסגאנג ווערט ווייטער אמאל געשטעלט די פראגע פון באסניען-הערצעגאווינא אויף דער טאגעס-ארדנונג און דארט האבען מיר טאקי וויעדער גרויסע אידישע געמיינדעס, ספרדישע געמיינדעס, וועלכע וועגען אפגעריסען געווארען פון זייערע אריענטאלישע פאלקס-ברידער מעכאניש, דורך קריעג און אנעקסיע.

עס איז, מיט איינעם ווארט, א גאנצע רייהע פון אינטערעסען, בלוטיגע אינטערעסען, לעבענס-פראגען, א גאנצער מארטיראלאג פון הונדערטער טויזענדער אידען, וועלכע געהען קיינעם נישט אן, פאר וועלכע קיינער האט נישט קיין גוט ווארט, קיין ברעקעל מיטגעפיהל. נישט נור האבען זיי ניט דאס מזל פון די ארמעניער, פאר וועלכע די גאנצע וועלט נעהמט זיך אן, נאר זיי זיינען אפילו ערגער פון די קישינעווער אדער פוילישע אידען... איז דער איד בכלל הפקר, איז דער ספרד'ישער איד א הפקר שבהפקר. דעם רוסישען, פוילישען, גאליצישען איד פערשטעהען מיר כאטש, זיין קול, זיין וועה-געשריי הערען מיר כאטש, — דעם ספרדישען אידענס געשריי איז ווי א קול אין דער מדבר, מיר זיינען אפגעריסען פון איהם, פערשטעהען איהם נישט, — ניט זיין שפראך, ניט זיין לעבען, און דעריבער בלייבט ער איינער אליין מיט זיין שרעקליכען מארטיראלאג, אהן יעדער הילף, אהן יעדעם מיטגעפיהל. די „אליאנס" פלעגט זיך אמאל מרחם זיין אויף איהם, אויסגעבויט איהם פאר רחמנות פראנצויזישע שולען, איהם פאטראניזירט מיט דער פראנצויזישער ציוויליזאציע. איצט ליגט דער „אליאנס" דאס אויך ניט אין קאפ. שוין לאנג, אז דער אירענטאלישער איד געהט נישט אן דעם פאריזער אידישען געלד-באראן.

עס מוז אבער אמאל געהערט ווערען אויך דאס קול פון אט דעם שטומען ברודער, פון דעם שטילען ליידער, עס טאר ניט פערלארען געהן קיין זיפץ, קיין טרעהר אינ'ם יום-הדין. דאס הארץ מוז א ציטער טהאן פאר אידען ליידענדען ברודער, פאר יעדעם אידיש קינד.

די אידישע פראבלעמען אויף דעם באלקאן מוזען ווערען אונזערע פראבלעמען, אונזער זאך, אונזער קאמפף'ס געגענשטאנד.

(דער אידישער קאנגרעס.)

סינקס
קען זעהר לייכט געהאלטען ווערען ווייס אונד ריין מיט
Old Dutch Cleanser
Chases Dirt
MAKES EVERYTHING "SPICK AND SPAN"
א גרויסע
10 סענט

גוטען סוט
- און -
אָווערקאָוט
$16
בלויז

לויט די קליידער בעטגעגנט מעז!

טראגט איהר או אנשטענדיגע סוט, האלט מעז אייך פאר או אנשטענדיגע מענשע,
איז אבער אייער סוט צרה'דיג ווייסט איהר דאך שוין וואס מעז דענקט וועגעז אייך.

צוליעב די שלעכטע צייטען מאכען מיר א אמת שעהנעם און גוטען סוט און אָווערקאָוט פאר

$16 בלויז

געדענקט אז פאר $16 וועט איהר אויסזעהן פיין און אנשטענדיג און מענשען וועלען אייך רעספעקטירען.

מיר האבען א סטאק פון טייערע סחורות און די ארבייטער אונזערע זיינען קינסטלער. א בעוויז: אונזערע צאהלרייכע קאסטימער.

נים אלע מאנטאג און דאנערשטאג מאכט מען זיך סוטס און אָווערקויטס.

זייט דארום פאַרזיכטיג געהט אין ריכטיגען פלאץ:

The Excellent Tailoring Co., 256½ Queen West

גוטען סוט
- און -
אָווערקאָוט
$16
בלויז

פעדלערס און סטאָה קיפּערס

די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטימערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דריי־גודס, ריינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאָוועלטיס ביי קאפלאן און קאָ.

האָלסיילער און דזשאבבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער באַוואוסטער האָלסייל פּלאטץ וואו פיעל פּעדלער זענען בארייכט געווארען.

יושר לאָטס זענען שטענדיג דאָ. ארדערס פּינקטליך אטענדעט.

קאפלאן און קאָ. דזשאבבער 229 קווין סט. וו. טאראנטא אנט.
טעלעפאן עדלייד 3772.

נעהט וואו אלע געהן.

אלע שניידער און פעדלער קויפען זייערע וואולענס און טרימינגס פאר סוטס און אָווערקאוטס ביי

ליובינסקין
די ספּעציעלע אגענטען פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און סקאטלענדער וואולען מיללס.

פאר וואס ניט איהר? אונזער נאהמען איז א גאראנטי פאר קוואליטעט און ריעלע בעהאנדלונג.

J. LUBINSKY, 248 Simcoe Street, Toronto.
TELEPHONE MAIN 6413

האט איהר שוין בעזוכט דעם נייעם

דיינינג רום אונד רעסטאוראנט

אין 192 ספּאדיינא עוועניו, (ניער קווין)

עס איז פיר אייער אייגענעם בענעפיט

דאס שכהנסטע פּלייז און אקאמאדיישאן פיר לײדיס און דזשענטעלמען.

גוטע געשמאקע אלע כשר'ע שפייזען און גוטע בעהאנדלונג גאראנטירט.

גרינבלאט, 192 ספּאדיינא עוועניו, (נעגען גיבער פּחיבי סטריט)

די בעסטע סחורה האט בלויז איין פּלאץ

די אמת'ע גוטע כשר'ע ווארשט, קארנד ביף, וויענערס, סאלאמא, סמאוקד פליישׁ, דיקע באלאנע, און צונגען, ווערען פאבריצירט אין איין פּלאטץ בלויז, אין אונזער פעקטארי

226 פּארליאמענט סטריט, טאראנטא.

גיט אונז א טרייעל און איהר וועט וויסען וואס סחורה הייסט. גלויבט ניט אויף'ן ווארט, פּערזוכט!
אכטונגספאלל
פראנק טערדיטאן.

◆◆◆

חזן קאפלאנ'ס שיפס קאנטאר

איז דער פּלאץ וואו איהר קענט שיקען געלד נאך אלע טהיילען פון דער וועלט, שנעל און זיכער צום לעצטען טאגעס קורס

אלע סארטען אינשורענס, פייער, לייף, עקסידענט, בארגלעריי, פּלייט גלאז און סיק בענעפיט קענט איהר אינשורען אין מיין אפיס. איך רעפרעזענטיר די שטארקסטע און ריעלסטע קאמפאניעס אין יונייטעד סטייטס און קענעדע. מיין נאמען און רעפּוטיישאן פאר די לעצטע צעהן יאהר פארזיכערט אייך, אז איהר וועט אין מיין אפיס ריעל און אנשטענדיג בעהאנדעלט ווערען.

רעוו. מ. קאפלאן

297 קווין סט. וועסט, קארנער דזשאהן סטריט. טעל. אדעלייד 239.
הויז טעל. אדעלייד 1545

◆◆◆

אויפרוף

צו אלע לאנדסלייט פון אסטראָווצע

עס איז שוין לאנג צייט געוועזן איהר זאלט בעטראכטען די ביטערע לאגע אין וועלכער עס געפינען זיך אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכעמיר האבען איבערגעלאזען אין יענעם פינסטערען לאנד און וועלכע שטעהען אוים אלע מלחמה שרעקען וואלגערענדיג זיך אויף די פעלדער און וועלדער. הונגעריגע נאקעטע און דערצו נאך געטריבען און געיאגט פון א מחנה שדים אין מענשען געשטאלט.

איהר ווייסט גאנץ גוט אז מיר האבען נאך פאר זיי גאר גישט געטהאן. אום מיר זאלען זיך קענען צוזאמען ריידען ווי צו העלפען זיי

קומט צום מיטינג זונטיג דעם 17 אקטאבער 1 א זייגער ביי טאגאין

סענטער פּלאס האל וואו מיר וועלען זיך בעראטהען וואס צו טהאן.

קומט אלע, דאס בלוט פון אייערע ברידער, און שוועסטער רופט אייך!

מיט גרוס די קאמיטע

קאנגרעג. שארית ישראל אנשי לידא

אגוסטא עוועניו.

וועט היינט זונטאג דעם 17–טען אקטאבער

הרב נאַרדאָ

האלטען א דרשה וועגען די מלחמה ליידענדע.

מיר בעטען אלעמען צו קומען.

LOEW'S

לאָעוו'ס יאנג סטריט טהעאטער

אונאונטערבראכען
12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
נאכמיטאג 10 סענט, 15 סענט.
אבענד 10סענט 15 סענט און 25 ס

פאן 3600 — היי קלאס וואדעוויל. — באקס סיטס רעזערווירט.

דייוויס און סעמיועלס מאדנע מענצער	נעקסטע וואך.	זעליא פיאנא כשופ־דיג ב׳י דער
די א. ה. שמחה'דיג מיירעל	גערטרוד ביימס	מוזיקאלישע קאמעדיע
ה. סטעפענ'ס און קא. כאראקטער אימפרעססיאנעו		די מעררים שטריק און לאססא ארטיסטע
מארשאלל און סטריבעל קאלירטע אונטערהאלטערס		פאטא גלע ס פון ערשטען ראן פאטא פיעסען
טשאס. ס. וועקקיא		„ארויסגעווארפען פון יעיעל"

ה. יאַנאווער — פאן מיין 6886
א. ראזענפעלד — פאן קאלערזש 5089

זיינען די

טאראנטא קאהל קאמפּאני

91 ענגעס סטריט — פאן אפיס עדלייד 2029

פערקויפען נור

Elias Rogers Co's Anthracite

יעדער לאס, קוילען אדער האלץ, ווערט דעליווערט מיט ראדזשעס טיקעטס. פיר קוואליטי און וואג גאראנטירט.

דער פאטאגראַפציק מורדין פון 16 קעמעראן סטריט האט ניט געטופט

אידען פון קענעדע

שיקט טעלעגראפיש געלד נאך רוסלאנד.

איהר ברויכט ניט שיקען קיין געלד אין א באנק פון די סטייטס אדער אין דיא ציימונגס אפיסעס וועלכע קליימען אייך צו געבען מציאות און טהאן אייך טובות, אדער צו אפיסעס וועלכע פערשפרעכען אייך צו שיקען געלד ביליג און ווען זיי קריגען גענוג אנטלאפען זיי, ווי עס האט דא ניט לאנג צוריק געטראפען אין טאראנטא, וואו פיעלע אידען האבען פערלוירען א סך געלד.

האנדעלט מיט אונז. מיר זיינען אין ביזנעס פאר יאהרען און יאהרען און יעדער ווייסט אונזער פעראנטווארטליכקייט.

איהר אלע ווייסט דא סעס גערויערט פון 6 ביז אכט וואכען אז געלד זאל אנקומען קיין רוסלאנד דורך פאסט אדער דורך ציימונגען, און מאנכעס מאהל איידער דאס געלד קומט אהין איז שוין די מלחמה אין יענער געגענד און דאס געלד קומט שוין אהין איבערהויפט ניט אן, און עס קאן שוין דארט אהין אין 4 טעג. דארום האבען מיר אראנגיט איבערגענעבען ווערען.

שיקען געלד טעלעגראפיש קומט עס זשירט מיט דער אמעריקאן עקספרעס קאמפאניע, די איינציגע קאמפאניע וואס ווערט רעקאמענדירט פון דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען צו שיקען געלד נאך רוסלאנד טעלעגראפיש אויף אזעלכע מעסיגע פרייזען אז עס זאל זיך לוינען יעדען אויף אזא אופן צו שיקען.

מאזירער לאנדסלייט!

מיר האבען געקראגען א ספעציעלע נאכריכט דאס געלד קען טעלעגראפיש אהין געשיקט ווערען.

מיר וועלען שיקען טעלעגראפיש געלד אין אלע טהיילען פון רוסלאנד צו דיפאלגענדע פרייזען:

20	רובעל	$9.75
30	רובעל	13.50
40	רובעל	17.25
50	רובעל	21.00
75	רובעל	30.00
100	רובעל	39.00
200	רובעל	76.00

לואיס גוראפסקי
113 קווין סטריט וועסט.

איבערפאל אויף עגיפטען.

אטהענס, אקט. 14.

לויט ידיעות וואס זיינען אהער אנגעקומען זאלען דייטשע ארמיי אפיצירען איינשטודירען הכמת הסאלדאטשינא מיט 60 טויזענד טערקען אין ירושלים.

דאס, גלויבט מען, איז דער קערן פון א גרויסער טערקישער ארמיי וועלכע וועט מאכען א פערזוך אנצופאלען אויף עגיפטען.

LYRIC THEATRE

היינט זונטאג אבענד א גרויסער

קאנצערט

ספעציאל פיר מיטוואך און פרייטאג

ביידע אבענדע לײדיעס נייט!

מיטוואך אבענד דעם 20טען אקטאב. ווירד געשפיעלט ווערען מאדאם זימאנדס גרעסטער סוקסעס

געלד, ליעבע און שאנדע

פרייטאג אבענד דעם 22־טען אקטאב. צום ערשטען מאהל אין טאראנטא

דוד המלך
THE SHEPHERD KING

מאדאם זימאנד אלס דוד המלך
צוזאמען מיט אונזערע געסט
מר. און מרס. ווײנשטיין

שבת אבענד דעם 22־טען אָקטאבער
יעקב פּ. אדלער
אין
„אדעסער בעטלער"

פעג א' מיי הארט

דאס ערשטע מאל איז דיעזעס מייסטערווערק געשפיעלט געווארען אין ניו יארק אין קאורט טהעאטער, דעצעמבער 20 1912. צוערשט איז דיעזע פיעסע געשפיעלט געווארען מיט גרויס ערפאלג אין לאס אנדזשעלעס. די פיעסע איז דאן געשפיעלט געווארען מיט גרוים ערפאלג איבערן גאנצען לאנד צו צוויי מאל אויף יעדער פלאץ אזוי גרוים איז דער ערפאלג געווען.

אין די גרויסע שטעדט, ווי שיקאגא, באסטאן, פהילאדעלפיא און סיינט לואי, האט די פיעסע געהאט אן אויסערגעוועהנליכען ערפאלג.

און עס איז ניט אומזיסט. עס איז א פיעסע וואס אפעלירט צו יעדען. זי איז אויסערגעוועהנליך שעהן. די שוישפילער זיינען ברילליאנט. איינער ווי איינער. איבערהויפט מיס טיילאר'ס שפיעלען אלס "פעג", איז אזעלכעס וואס איז ווערטה צו זעהען איין מאל אין לעבען.

דיעזע זעלטען שעהנע פיעסע וועט אויפגעפיהרט ווערען אין דער ראיעל אלעקסאנדרא נעקסטע וואך.

זי וועט אהנע צווייפעל מאכען א פוראר.

דארפט איהר פייער לייף־עקסידענט און פלייט גלאס אינשורענס?

קומט צו אייער אלט בעקאנטען דער איינציגער אידישער אינשורענס אגענט וואס שרייבט פייער פאליסעס וועלכע זיינען פון גוטע קאמפאניעס וואס קאנסלען ניט קיין אידישע ביזנעס, מעררידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס און אנדערע אזעלכע דאקומענטען ווערען געמאכט ביליג און פינקטליך.

קומט צו מיר אין אפיס.
24 טאראנטא סטריט. טעל. מיין 4711

זאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. טעלעפאנירט 1 אדעלייד סט. איסט, פאן מיין 7391. ביינאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלעדזש 4319.

New York Window Cleaning Co
1 Adelaide E

ברויט ביליג!

5¢. א סינגעל. 8¢. א דאבעל.

פערקויפט אייער אלטער בעקאנטער בעקער גאלדשטיין פון 34 וואלטאן סט. געליווערט אין אלע טהיילען פון שטאדט אויך צו בעקומען אין פאלגענדע פלעצער:

59 קענזינגטאן אין מילך סטאר און אין 109 עליזאבעטה סטריט.

אויך אין 43 וואלטאן סטריט.

3936—20—10

א לאַקערניא ערעפענט!

מיר מאכען אויפמערקזאם בעקערס, פעדלערס, עקספרעסמען און שעפער און אויטאמאביל אייגענטהימער, דאס מיר האבען ערעפענט א שאפ פאר פיינטען, ווארנישען און לאקירען אויטאמאבילס, וועגען, קערידזשעס א. א. וו.

אין 110 ד'ארסי סטריט
אכטונגספאלל
די מ. ה. ק. ד. קאמפּאני

חזן מאנאוויטץ

פון מעקאל שוהל
מוהל
ומסדר קדושין

233 Beverley Street
Phone College 2033

טאראנטא אינסטיטוציאן וועלכע האט קיין גלייכען צו זיך אין גוטסקייט.

דער מאן.

(2־טע פארטזעצונג.)

דער לעזער, האף איך, וועט מיר ענטשולדיגען. איך מוז צוערשט, ווי אן הקדמה, איהם זאגען א פאר ווערטער איידער מיר געהן אריין אין דיעזען געזונדהייטס טעמפעל.

נאך איידער איך האב בעשלאסען צו פריעדען צו שטעלען מיין נייגעריגקייט און געהן בעטראכטען וואס דאס איז אזעלכעס דיעזעס ואונדער הויז וועלכעס ווערט אזוי געלויבט פון א גרויסער פערזענליכקייט פון לאנדאנער קאונטי קאונסיל, איידער איך האב געזאגט צו מיר אליין, אז איך מוז אונטער אלע אומשטענדען געהן שטודירען איינע פון די וויכטיגסטע פון טאראנטאר אינסטיטוציאנען, האב איך פערשטאנען אז אזעלכע אנשטאלטען אדער ביזנעס הייזער ווערען ניט געפיהרט פון געוועהנליכע פערזאנען.

איך האב פערשטאנען אז כדי צו ברענגען א „מילך געשעפט" אויף אזא הויך, מוזען די מענשען, די לייטענדע גייסטער דערפון, זיין אויסער געוועהנליכע מענשען.

איך בין דאס זיכער געווען. און איך האב געקראגען א געלעגענהייט — אז מען זוכט געפינט מען — צו רעדען מיט איינעם פון די פינף הונדערט אנגעשטעלטע פון דער סיטי דיירי, דורך וועלכע איך האב זיך דערוואוסט דאס וואס איך האב געוואלט, געמוזט וויסען.

„וואס פאר א סארט מענש איז דאס אייער מענעדזשער, מר. פאטטער?" האב איך איהם געפרעגט.

„ער איז א מאדנער מענש, אן אויסערגעוועהנליכער מענש, א מענש מיט..."

„גענוג!" האב איך איהם אבגעשטעלט, זעהענדיג, אז ער וועט אזוי פערפליהען קיין בויבעריק מיט התלהבות און איך וועל דערפון גאר ניט וויסען.

„ענטשולדיגט מיר, גענוג", האב איך פארטגעזעצט, „דערצעהלט מיר בעסער דייטליך אלעס וואס איהר ווייסט פון איהם, מיט וואס ענינער אדיעקטיוום א פיינער, א וואוילער, א גוטער א. א. וו. און איך וועל שוין אליין ציהען שלוסען וועגען איהם".

„געפועלט", האט ער מיר געענטפערט מיט א שמייכעל, „איך וועל אייך איהם בעשרייבען אזוי גענאסען און אזוי דייטליך ווי נאר מעגליך פאר א מילך מאן".

און ער האט געזאגט:

„מר. פאטטער איז א מאדנער מענש, ווייל ער האט זיך אריין גענומען אין קאפ אריין, אז אלעס וואס מענשען עסען און טרינקען, מוז זיין ריין ווי שנעע וואס פאלט פון הימעל. ער איז א מאדנער מענש, ווייל אין יעדער פלעשעל מילך שטעקט זיין אידעאליזם פון פיור פוד, פון געזונדהייט, פון מענשליכקייט, אנשטאט ביזנעס. ער האט דא איינגעפיהרט, אט דער מאדנער טרוימער, א דעפארטמענט וואו עס ווערט ארויסגעגעבען מילך פאר בייבים, ווערען מיר אלע צעפלאצט פאר געלעכטער:

עס איז אמת אז די מילך אין יענעם דעפארטמענט ווערט בעוואונדערט פון די גרעסטע דאקטוירים. זי איז דער אמת'ר סארט וואס בייבים מעגען טרינקען, ער דערלעגט אבער צו יענעם דעפארטמענט אפשר $500 א מאנאט, און פיליכט פיעל מעהר. און צום סוף קוועלט ער פון יענעם דעפארטמענט גלייך ווי ער וואלט די גאנצע פרנסה געהאט פון יענעם דעפארטמענט.

הייסט דאס ניט מאדנע? ווען די וועלט וואלט געוואוסט וואס פאר א ריינע, פרישע און געזונטע מילך די סיטי דיירי גיט ארויס, וואלטען אונזערע פלעשער מילך אויף דער גאנצער וועלט געגאנגען, מען וואלט זיי פאר'ן בעסטען מעדיצין בעטראכט צו אלע קראנקהייטען, איז אבער אונזער מענעדזשער צו פיעל בעשעפטיגט מיט זיין השגחה, בלייבט איהם קיין צייט פאר ביזנעס. פון פריה מארגען ביז נאכט האט ער נאר אין זינען פיור פוד, געזונטע בייבים מיט רויטע בעקלאך, געזונטע מענשען, נארהאפטע מילך, גוטע מילך, געזונדהייט, ריינליכקייט און ווידער בייבים, געזונטע בייבים, שטארקע בייבים, און ריינע מילך.

ער פערגעסט זיך אז דאס איז א ביזנעס, ער מיינט אז ער איז אין א האספיטאל און זיין אויפגאבע איז קראנקע מענשען געזונד צו מאכען.

פארשטעהט איהר שוין פארוואס איך רוף איהם אן מאדנער מענש?

עס איז אמת אז דער עולם וואס נוצט אונזער מילך וועט שוין קיין אנדערע ניט נוצען, אזוי אז עס לוינט זיך איהם אפילו פון א ביזנעס שטאנדפונקט צו זיין אזוי איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען צו זיינע פיור פוד חלומות, אבער, אום נאטעס ווילען, מוז מען דען דערלייגען געלד צו א גאנצען דעפארטמענט באשר די בייבים זאלען האבען גוטע מילך?

דאס איז א צדקה אנשטאלט?

און ווען מען פרעגט איהם פאר וואס ער העכערט ניט די פרייז די דער מילך פון יענעם דעפארטמענט, ענטפערט ער:

„די ארעמע וועלען די מילך ניט קויפען, און זיי וועלען די בייבים פער'סמ'ען."

איהר הערט טענות?

איז דאס ניט קיין מאדנער טרוימער?"

נאך די דאזיגע פאר ווערטער פון דעם אנגעשטעלטען, וועלכער, ווי עס זעהט אוים, האט ניט שטארק געגלויבט אין אזעלכע „נארישקייטען" ווי פיור פוד, לאנג לעבען, געזונטע בייבים, שטארקע בייבים פריש עסען א. א. וו., האב איך מיר ווי עס איז פארגעשטעלט וואס פאר א פארשוין דער מר. פאטטער מוז דאס זיין. איך האב געקראגען א שטיקעל תירוץ אויף'ן גרויסען ערפאלג פון דיעזען „מילך געשעפט" די סיטי דיירי, פון וועלכען ערפאלג איך האב נאטירליך ניט געוואוסט די אורזאכע. איך האב פערשטאנען אז דאס מוז זיין א מאן, מיט א נשמה וואס פיהלט און מיט א מוח וואס טראכט וועגען די מיטמענשען און וועגען זייער געזונדהייט און וואהלזיין. און איך בין נאך מעהר נייגעריג געווארען צו קענען דיעזען מאן פון דיעזער געזונדהייטס אינסטיטוציאן, די סיטי דיירי.

דעם איינדרוק וואס דיעזער מאן האט אויף מיר געמאכט, וואס ער האט געזאגט און וואס ער האט מיר געוויזען אין מיין נעכסטען ארטיקעל.

(פארטזעצונג פאלגט.)

MEET ME AT THE FIRESIDE **Strand** YONGE NEAR KING CONTINUOUS 10 AM. TO 11 PM. MATS 5¢-10¢ EVES 5¢-10¢-15¢

מאנטאג דיענסטאג מיטוואך
מאקס פיגמאן
די הוזשיעס סקוהל־מאסטער
פאטהא מלחמה נייעס
6־טע נאכפאלגונג פון די געטהין

מעזאניני סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 3345

ALEXANDRA אנפאנגענדיג מאנט אקט. 18.

דער אינטערנאציאנאלער קאמעדיע טריאומף.

ביי דזש. הארטלי מאננערס

„פעג א'מיי הארט"
"PEG O'MY HEART"

— מיט —

פלארענס מארטין אלס „פעג,"

יעדע נאכט און שבת מאטינעע
50 סענט ביז $1.50
מיטוואך מאטינע 50 סענט ביז $1.00

נעקסט קומט עדיטה טהאיער אין דיא „פּיזענט גוירל"

מיר קענען מאכען וואקסען אייערע

האאר

פרייע ערפאלגרייכע וויסענשאפטליכע בעהאנדלונג.

פיר מענער און פרויען.

ליידעט איהר פון האאר פערלוסט? ווערען אייערע האאר פריהצייטיג גרוי? זיינען אייערע האאר שטרייפיג, קלעפיג אדער מאט? ליידעט איהר פון דענדראף אדער בייסונג אויפ'ן קאפ? זייט איהר פליכעוועטע אדער איהר נעהט עס ווערען?

אויב איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע פון די אויבענע בעלעסטיגונג, פערנאכלעסיגט עס ניט. זאנדערען פערזוכט עס זאפאר צו קורירען, אבער ליינען ברענגט נאר שאדען.

פערלאנגט אונזער אילוסטרירטעס ביכעל „די וואהרהייט וועגען די האאר"

(פון א בעריהמטען אייראפעאישען ספעציאליסט.)

פרייע בעהאנדלונג

מיר וועלען אייך אויף אונזער אייגענער ריזיקא איבערצייגען, דאס די קאלוואקורא תיילמיטעל פערהיטעט די האאר פון אויסצופאלען, קורירען דענדראף און בייסונג פון דעם סקאלפ און מאכען וואקסען נייע האאר.

מיר וועלען אייך צושיקען א $1.00 בעהאנדלונג פון קאלוואקורא נומער 1, צוזאמען מיט דעם איבערגענדערמאגענט ביכעל „די וואהרהייט וועגען די האאר", אויב איהר וועט אונז שיקען אייער נאמען און אדרעסע, מיט 10 סענט, אין זילבער אדער סטעמפּס, צו שטייער אויף די קאסטען פון ארויסשיקען.

שניידעט אוים דיעזען קופאן און שיקט עס היינט צו
Union Laboratory, 142 C Mutual St., Toronto, Canada.

Union Laboratory, 142 C Mutual St., Toronto, Canada.
ביטע פינדעט 10 סענט צושטייער אויף זענדונגקאסטען, שיקט מיר זאפאר אייער $1.00 קאלוואקורא נום. 1, און אייך אייער ביכעל „די וואהרהייט וועגען די האאר".

לעגט דיעזען קופאן ביי אין אייער בריעף.